אינמיטן וועג אין שטאט אריין, ביי דער לינקער זייט פון קייזער־שטראז איז געווען א „דעמבינע" — אן אכט־צען ברייטע און מעכטיקע דעמבעס — מי ידע ווי אלטע. די דעמבינע איז געווען דער פרוזדור פון אזיעראן.

אחוץ דעם קייזער־שטראז איז נאך געווען אויך א „פוילישער וועג" און ווען מען פלעגט אמאל פארן קיין אזיעראן מיטן פוילישן וועג, פלעגט מען פאר־בייפארן אין דער רעכטער האנט דאס הייליקע ארט. אויף דעם דאזיקן אזיעראנער בית הקברות האבן זיך געפונען די קברים פון מיינע זיידע באבע, פון זייערע עלטערן און עלטערנס־עלטערן. אויפן זעל־ביקן בית עולם האט מען אויך מקבר געווען מיין מאמע און צו איר — בין איך ערגעץ אין יאר 1933 צום לעצטן מאל געפארן אויף קבר אבות.

היינט ווייס איך נישט, צי איז נאך דארט עפעס פארבליבן פון די קברים. אפשר האט מען אין קליינעם אזיעראן אפגעטאן דאסזעלבע, וואס אין גרויסן לעמ־



טויבע קימעלמאַן

בערג און אין פיל אנדערע שטעט ; די מצבות ארויסגעריסן און ברוקירט מיט זיי גאסן ; דאס „פעלד" — דאס דאזיקע פעלד, וואס אונדזערע מאמעס און באבעס פלעגן עס אין אלול מעסטן מיט די הייליקע פאדים, אויף וועלכע מען האט דערנאך געצויגן די וואקסענע יום כפור־ליכט — דאס פעלד איז אפשר געווארן פאראקערט, פארזייעט...

דאס ווייס איך נישט מיטן אקוראט. אבער עפעס אנדערש ווייס איך אויף זיכער. אז פון די פעטערס און מומעס און די געשוועסטער־קינדער פון מיין טאטנס און פון דער מאמעס צד, פון זייערע קינדער אין קינדס־קינדער, זיינען דארט אין אזיעראן און אין לאנאוויץ און אויף דער קאזאטשיזנע, אין בארשטשוו און אין טשארטקעוו און מילנעצע אין יאגאלניצע און אין קריוועש — אין דער גאנצער פאדאליער געגנט — נישט פארבליבן קיין שריד ופליט. עס איז אונטערגעגאנגען מיין שטאט, אונדזער אלעמענס שטאט. פארטיליקט, פארשניטן, אויסגעריסן מיטן ווארצל.

טא וואס און וועמען זאל איך דערמאנען פון מיינע פריסטע זכרונות אין א יזכור־בוך ? אלע בילדער און מעשים, מיט וועלכע איך באנוץ מיך אין מיין שרייבן ציען זייער יניקה פון דארטן — פון דעם לאנד פון מיינע קינדער־יארן. וואס איז בעצם דאס שרייבן, אויב נישט אן אויסדרוק פון א בענקשאפט נאך יענע ערטער און יארן, ווען די וועלט איז נאך געווען א גאנצע ?

אין אזיעראן איז דער הימל קיינמאל נישט געווען פארשטעקט מיט שטרוי. איך האב שוין נישט איינמאל געפרווט דערציילן און כאראקטעריזירן פאר מיינע באקאנטע די צוויי פארשידענע נוסחאות פון אזיעראן און בארשטשאוו. בארשטשאוו איז געווען באלעבאטיש און סאליד, אבער אזיעראן האט זיך אויסגעצייכנט מיט פאנטאזיע, מיט שווונג. עס איז געווען קלענער און דאך וויניקער קליינשטעטלדיק פון דער „בעצירקס"־שטאט — אזוי וויניקסטנס דאכט זיך מיר אויס, לויט איך באטראכט איצט, וואס כ'האב פארגעדענקט. אזיעראן איז געווען לייכטזיניק, להוט אויף נייע מאדעס, גרינג צום פארן אין דער וועלט אריין. דא האט מען נישט געשפארט, דא האט מען ליב געהאט צו טאן א לעב.

אין אזיעראן זיינען געווען וועלט־סוחרים און אנזעצערס. מען האט געהאנדלט גרויס מיט אונגארן, געקנאקט, גערודערט, מרעיש־עולם געווען מיט עפעס אן אויסטערלישער געשעעניש, וואס האט געטאן אויפטרייסלען די גאנצע געגנט. אין אזיעראן האט יעדער ייד און יעדע משפחה געהאט א צונאמען.

אין אזיעראן האט מען גערעדט אזוי „ברייט", ווי אפשר אינערגעץ נישט אין גאר דער יידישע וועלט. ברייט גערעדט און ברייט געלעבט. „לעיקעך" און „העיוון" האבן געזאגט די בארשטשאווער יידן און די אזיעראנער יידן האבן זיך זיי נאכגעקרימט און אליין האבן זיי געזאגט „לאיקאך" „האיוון". זיי האבן זיך געקענט פארגינען...

און דאך האבן די אזיעראנער סוחרים נישט אויסגעמיטן צו פארן קיין בארשטשאוו אויפן יריד. דער יריד אין בארשטשאוו איז פארגעקומען מאנטיק. בשעת זיי האבן געקנאקט אין זייערע איינשפענערס און פערדנוועגעלעך — האב איך זיי געזען פון אונדזער סעדל אויס, וואס איז צוגעקומען ביז דעם שטראז. געזעסן אויף א וויינשל־ביימל א בארוועס דארפס מיידל — און צוגעקוקט ווי די שטאט־יידן קנאלן ארום איבער די וועגן.

אין אזיעראן איז פארגעקומען דער יריד אין מיטוואך און איינמאל אין יאר איז פארגעקומען דער יריד פון די ירידים — דער „איוואן" אין לאשקעוויץ.

און איך געדענק די אזיעראנער פאסט און איך געדענק די אפטייק. איך געדענק די גאנקעס מיט די קאלירטע שייבעלעך, די גלאז־קוילן אויף די בלומען־בייטלעך פאר די הייזער...

אין עפעס פריערע צייטן האט זיך אין אזיעראן צעפלאקערט א מחלוקת און דאס אזיעראנער מחלוקת האט געפונען זיין טראגיקאמישע אפשפיגלונג אין לעבן פון די ארעמע דארפס־יידן ; צעריסן זיי אויף צוויי לאגערן, געטריבן זיי אין די גרעסטע פרעסט צו לויפן שעכטן א הינדל אין שטאט אריין, ווייל דעם שוחט, וואס האט זיך געפונען אין דארף, האט איינער פון די צדדים געאסרט. מיט דעם משל פון יענעם מחלוקת באנוץ איך זיך אמאל, ווען איך פרווו געבן א ביישפיל ווי פאטאל און אבסורדאל עס זעט אויס אין מיינע אויגן די צו ווייט גייענדיקע צעק־

ריגקייט צווישן מפא"י און מפ"ם, אלס אפשפיגלונג פון דער איינטיילונג פון דער וועלט אין בלאקן...

און אזוי מסתמא שעפט זיין יניקה יעדער פון אונדז — וואס מיר ציען אונדזערע ווארצלען פון יענער געגנט — פון דארט, פון יענער אונטערגע־באנגענער היים.

* *
*

איך ווייס נישט צי האבן די דעמבעס ביים ראנד־וועג צווישן לאנאוויץ און אזיעראן איבערגע־האלטן דעם היטלער־שטורעם. אונדזערע יידן ווי די דעמבעס האבן דעם שטורעם נישט איבערגעלעבט. פארשניטן זיינען געווארן אונדזערע היימען, פאר־שניטן און פארטיליקט אונדזערע משפחות. חרוב ונחרב זיינען געווארן יענע אינטערעסאנטע יידישע שטעט און דארפס־ישובים פון גאליציש פאדאליע, מיט זייער קרעפטיקן נוסח. מיט זייער איינגווארטיקער פאדאליער יידישקייט. ווי אפגעריסענע בלעטער פון יענע שטארקע דעמבעס האבן מיר זיך ארומגעטריבן אין אלע בייזע ווינטן פון כולרליי ים'ען און יבשות.

איין טרייסט האבן מיר — אט די פון אונדז שארית הפליטה, וואס האבן זיך באזעצט אין ישראל: מיר זיינען צווישן יידן אין דער יידישער מלוכה. מיר האבן געפונען א נייע היים, מער אייגן פון אלע היימען, וואס יידן האבן ווו נישט איז געווען. איינס ווייסן מיר: אין אט דער היים וועלן מיר זיך פון קיין שום שטורעם נישט לאזן אזוי אויסרייסן און פארטיליקן, ווי דארט איז געשען.

בוכהאלטעריע פון א אזיעראנער תבואה־סוחר*

חשבון...

פון פ' ראה און פ' שופטים	9.08	פ"ל**)
" " תצא	7.22	"
" " תבוא	5.17	"
ס"ה קבלתי	21.47	"

חשבון...

ה' תבואה מזומן	100.—	פ"ל
עוד מביתי	20.—	"
עש"ק	31	"
א' נצבים	8	"
בס"ה	159	"

חשבון...

אחר חשבון נ"ח	17.02	"
א' וילך	56.	"
ב' וילך	102	"
עש"ק	161	"
עוד	60	"
ס"ה	642.02	פ"ל

חשבון...

א' האזינו	56	"
ב' "	66	"
ד' "	42	"
עש"ק	82	"
ס"ה	642	פ"ל
ע"ז קבלתי (ונשאר חוב מן אחר חשבון 174.52 ר')	467.50	"
ע"ז נתן 170 בדגן וחטה וסילק היתרה עש"ק בראשית		

צעטיל מן באנען***)

מן יריד בארשטשוב	288	ק"ג	שילמתי	26.02	ר'
מן ניקאלי זשימאוע	395	"	"	34.13	"
מן מיחיילי "	395	"	"	10.72	"
" דימעטרי וואויצשעשין	112	"	"	8.50	"
" מיחיילי	254	"	"	22.76	"
" דיטו	11	"	"	85—	"
" דיטו צבי	28	"	"	1.70	"
;" מיכאיליכע	21	"	"	1.55	"
Michal Zlagodo z Kozaczina				8.42	"
Ryn Stasiuk z Lanowce				2.80	"
Michal Adomunski po Marcina z Lanowce				9.25	"

*) א פאר חשבונות געפונען אין א בוכהאלטערישן פנקס אברהמעלע חיה'ס (טענענבלאט) פון ארום יאר 1898. מיר גיבן אומפארענדערט דעם פארמישטן אידיש מיט לשון קודש, ווי אויך די קאלענדארישע דאטירונגען לויט דער סדרה פון דער וואך.

**) פ"ל. — א קיצור פון פלארין ; — מיינט רייניש. ביידע א גלייכווערטיקע אלט־עסטרייכער זילבער־מטבע, קנאפע צוויי ענגלישע שילינג. די רעדאקציע

***) סאליאקן, אפנים פארצייכנס פאר זיינע אויגן.

הוצאות	1.67 ר'
הכנסה מן באנען	130.60 ר'
עוד	41
עוד	137.59
עוד	56.48

איבערטראג מן באנען געקויפטע

בס"ה 135.96 ר'

דיטו מקאראליבקא	97 ר'
דיטו מבארשצוב	38.06 "
הוצאות	4 "

צעטיל מן חובות מפילאטקאווצע

סעמקי זאכאלאני	11.20 ר'
עוד קיבל	6.60 "
ע"ז נתן 66 ק' חטים × 51 ק' חטים	7 "

חשבון מן אחי ישעי'

קבלתי מעות		82 ר'
דיטו		72.50 "
"		1.20 "
נתתי באנען	288 א	10
דיטו	543 א	9
דיטו	594 א	9.50
ס"ה		134.03
מזומן נתתי		20.45
שכר עגלה		1.22

קוויטל לפי בקשה ***)

יהודא בן מלכה לישוע' בגו"נ

זוגתו פעסי פרעידא בת מיריל לרפואה

בתה שרה לרפואה ולזיווג טוב

בקשה שיעזור השי"ת שב"ב

לא יחלל את השבת.

***) אויך דאס קוויטל צו א „רבין" (אן א נאמען) האט זיך געפונען אויף א ריין בלעטל צווישן די חשבונות פון מיין סאַטן ע"ה, דאַסמאָל מיט זיין קאַליגראַפישער האַנטשריפט, ווי געשריבן מיט גרויס כוונה פאר דעם יידן וואס האט ביי אים געבעטן. כ'ווייס ניט ווער די אזיעראַנער פאַמיליע איז. פון דער ספעציעלער בקשה וועגן חילול־שבת איז געדרונגען, אז די פאַמיליע האט געהאט קינדער ביים מיליטער אדער אין אמעריקע.

די חשבונות און דאס קוויטל ווייזן מיר אויס זייער כאראַקטעריסטיש פארן כלל, ווי פארן פרט אין יענער צייט; א מיניאַטור פון א סאציאלן, עקאנאמישן און קולטורעלן קווערשניט מיט א לאקאלן קאלאריט.

אנשיל טענענבלאט

ר. אבר"ך

אפשטאם און פרנסות פון די דארפס־יידן ארום אזיעראַן

א היפשער טייל פון די דערפער ארום אזיעראַן, ווי אויך אין גאנץ פאדאליער מזרח־גאליציע — איז געווען אין די הענט פון יידישע אייגנטימער, אדער גוטס־פעכטער. די ערשטע זיינען געווען פרומע יידן, אפילו פארברענטע חסידים (למשל די בארט־פעלדס, אקסעלבראדס ר' לייבאלי פישטשעטיניצער וואס האבן היפשלעך געהאלפן אויסהאלטן די רבי'שע הויפן אין טשארטקאוו, הוסיאטין און קאפיטשיניץ), זיי האבן אפגעקויפט, אדער אפגעדונגען ביי פוילישע פריצים די גיטער מיט די פעלדער און מיטן לעבע־דיקן, ווי אויך אימּמאבילן אינווענטאר. דער רוב פון זיי פלעגן באשעפטיקן יידישן פערסאנאל, וואס האט פארנומען אלע וויכטיקערע שטעלעס אין דער אנפירונג פון דערווירטשאפט. אזוי זיינען געווען יידישע „רזשאנדצעס", יידישע „אקאמאנס" (עקאנא־מען), יידישע בוכהאלטער „שרייבערס" הומענעס מילכיקערס א. א. וו. אויך פלעגן זיי האלטן צו זייערע קינדער יידישע לערערס און מלמדים און א דאנק דעם אליין האבן זיך באזעצט אין די דערפער אפאר מבינים יידן. אויך פלעגן זיין יידישע מילנערס און „גוראלניקעס" (פעכטער פון מילן און פון די בראנפן־ברענערייען), וואס פלעגן אויפן אפפאל פון דער בראנפן־פראדוקציע מאסטן אקסן און די אקסן פלעגן עקספארטירט ווערן אין די עסטרייכישע צייטן אין אנדערע פראווינצן פון דער עסטרייך־אונגארישער מאנארכיע. פון דאנען נעמט זיך

דאסווערטל פון אונדזער קאנט: אן אקס פארט קיין אלמיץ און קומט אהיים אן אקס *).

יידן פלעגן אויך ס'רוב זיין די ארענדארן און שענקערס פון די דערפער און האבן געהאלטן די קרעטשמעס ביי די „אראר ישע שטראזן" (מלוכה־טראקטן). יידן האבן אויפגעקויפט ביים פויער זיין פראדוקציע (אייער, תבואות, בהמות) און זיי האבן אים באזארגט מיט זיינע נויטיקסטע סחורות. עס זיינען געווען אין די דערפער יידישע שפעצעריי־געשעפטן („געמישווארען־געשעפטן"), טעקסטיל־געוועלבן און ארום אט די יידישע סוחרים, וואס האבן געצויגן זייער יניקה פון דעם האנדל מיטן אוקראאינישן פויער, האבן זיך אויסגעהאלטן כלי קודש, וואס האבן געלעבט בלויז פון יידן: שוחטים, מלמדים, קצבים. די יידן פון די דערפער האבן זיך אויפגעשטעלט קלויזן און קלענערע מנינים, וואס האבן זיך נישט זעלטן גרופירט לויט די רבי'שע און רבנישע צדדים פון די נאענטע שטעטלעך. די דארפס־יידן פלעגן אפילו מיטמאכן די מחלוקתן פון די שטאטישע יידן. אזוי האט דאס דארף לאנאוויץ מיטגעמאכט דאס מחלוקת צווישן די אנהענגער פון אזיעראנער רב ר' יחיאל פעפער און די יורשים פון רבי'ן ר' וועלוועלע; צוליב דעם גענוצט צווייערליי שחיטה, נישט געגעסן איינער ביים אנדערן, אויב מען האט נישט געהערט צום זעלביקן צד א. ד. גל. צו דערמאנען איז אויך כדאי די א. ג. „ראגאטניקעס", וואס פלעגן האלטן אין פאכט ראגאטקעס, ד. ה. די שאסיי־אפצאלן פון מדינת עסטרייך. זיי פלעגן וווינען אפגעזונדערט אביסל פון דעם כלל. דער פאך האט אויפגעהערט מיטן סוף פון דער עסטרייכישער מאנארכיע. קיין בית עלמינס פלעגן די דארפס־יידן ס'רוב נישט האבן קיין אייגענע, נאר זיי פלעגן

---

*) דא נויטיקט זיך א קאפיטל עסטרייכיש־יידישע געשיכטע איבער דער יידיש־דארפישער קאלאניזאציע אין מזרח־גאליציע בכלל און אין אונדזער אזיעראנער קאנט בפרט מיט א יאר 170 צוריק:

קייזער יאָזעף II (דער „אויפגעקלערטער") האט אין די 80־ער יארן פון 18־טען יארהונדערט ארויסגעלאזן א געזעץ אריבערצופירן יידישע משפחות צו דארפישער קאלאניזאציע. דאס געזעץ האט געהייסן Landwirtschaftliche Ansiedlung der Juden און איז אויסגעפירט געווארן אין די יארן 1785־94. אויף גאליציע איז ארויפגעלייגט געווארן אַ קוואטע פון 1410 משפחות.

די קרייז־שטאדט פון אונדזער אזיעראן איז דאמאלט געווען זאלישטשיקי. (אין יענע יארן האט זיך אויך געשאפן דער טיטל „קרייזראַבינער". שפעטער ווען אונזער קרייז־שטאדט" איז געווארן טשאָרטקאוו איז — ארום 1870 — דער ערשטער קרייזראבינער דארט געווען דער ראש פון די שפירא'ניקעס, דער האַמבורגער רב ר' מאיר ישעיה שפירא. א גרויסער תלמיד־חכם און בריליאנטער שרייבער אויך אין „המגיד" כמעט יעדע וואָך. זיין טיטעל און זיגעל איז געווען „אב"ד דק"ק טשארטקאוו והגליל". א פרומער אָבער אויפגעקלערטער מתנגד, האט זיך געשאפן ארום איהם א באוועגונג פון מער אויפגעקלערטע מתנגד'ישע יידן, די באוועגונג פון „שפירא'ניקעס". זי האט זיך אריינגעריסן אויך אין אנדערע גאליצישע שטעדט און קודם כל קיין אוזיעראן און אלע ארומיקע דערפער, אין וועלכע ס'האבן שוין געלעבט פילע מנינים יידן פון אט דער יאזעפינישער קאלאניזאציע). דער גאנצער קרייז זאלישטשיקי האט לויטן געזעץ געדארפט געבן 117 יידישע משפחות אויף לאנדווירטשאפט, אזיעראן אליין — 16 משפחות.

אין יאר 1804 איז פובליצירט געווארן דער ערשטער אמטליכער דין וחשבון פון א ספעציעלער קאמיסיע, וואס האט אדורכגעפירט א קאנטראל איבער די דערגרייכענישן. לויטן דאזיגן באריכט אין ארכיוו פון עסטר.־אינערן מיניסטעריום אין וויען (אונטערן נאמען:

"Totalausweis ueber den Fortgang der juedischen Ansiedlung in Ostgalizien bis letzten Oktober 1904")

האבן זיך די 16 אוזיעראנער משפחות פארטיילט אויף 20 מאנסבילן, 17 ווייבער, 19 בחורים, 15 מיידלאך, בסך הכל 71 נפשות.

מ'האט זיך באזעצט כמעט אלע אין נייע דערפער אדער אין שכנות, (ביז היינטיקן טאג הייסט איינס אזא דארף באריכאר־ווקי אויפן נאמען פון א אוזיעראנער ייד ברוך, זייענדיג דארט דער ערשטער פויער) און זיי צוגעטיילט אט דעם אינווענטאר: 15 הייזער; 15 שייערן אין שטאלן; 75 אקער אייזן און אנדערע ארבעטס כלים; 30 פערד; 27 אָקסן און 28 קיה. זיי האבן געארבעט פלייסיג און שעהן מצליח געווען אויף 8 גרויסע לאנדווירשטאפטלעכע פארצעלעס. וואס זייער שטח האט זיך געצויגן אויף 240 קאָריץ־גרונדשטיקער (א קאָריץ — 100 קילא תבואה — איז דעמאלט געווען א פויעריש פעלדמאס).

דער וויענער ארכיוו איז טאָטאַל פארברענט געווארן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. אן אריגינאל־דאקומענט געפינט זיך אין ירושלים, ביים היסטאריקער דר. נ. מ. געלבער אין זיין פריוואט־ארכיוו. עס קומט איהם דא א ספעציעלער יישר־כח פארן איבערגעבן אונדז אט דעם אינטערעסאנטן מאַטעריאל.

נאך דער יאזעפינער „צוואנג־קאלאניזאציע" האבן זיך צענדליגער אויזעראנער יידן פרייוויליג באזעצט אין די דערפער, ווער צוליב פרנסה און ווער צוליב משפחה־סיבות.

רעדאקציע

גראוויטירן אין דעם פרט צו איינער פון די נאענטע שטאטישע קהלות, און וועלכער זיי זיינען אויך געווען רעגיסטרירט אלס קאנפעסיאנעלע עווידענץ־איינהייט.

דער רוב יידן אין די דערפער זיינען געווען אזוי אדער אנדערש פארוואנדט צווישן זיך. דער רוב יידן אין לאנאוויץ, למשל, האבן געשטאמט אדער פון דער משפחה פלדשוה־קימעלמאן, וואס האט געצויגן איר יחוס פון דעם ערשטן ארענדאר פון פירשט סאפיעהא אדער פון זיין „נאמן״ אין דער לאנאוויצער קרעטשמע און פראפינאציע איציק הערש נאגלער. דיביידע משפחות האבן זיך פארצווייגט און האבן געציילט צווישן זיך — פון העכסטן ביז צום קלענסטן — פארשטייער פון אלע סאציאלע און עקאנאמישע שטאפלען: גוטבאזיצערס אין גוטס־פעכטערס, פשוטע פארמעגלעכע בעלי בתים, אייגנטימערס פון פעלד און פארשידענע געשעפטס־לייט, ביז צו גאנץ ארעמע דארפס־גייערס און מעק־לערס. צו פעלדשוס צ. ב. האט געהערט דאס גוט בארשטשעוו און זאלעסיע, א. קימעלמאן איז געווען דער אייגנטימער פון גוט זאלוטשע און זיינער א ברודער האט געהאלטן אין פאכט דאס גוט וואלקאוויץ, אבער א גאנץ נאענטער קרוב פון די פעלדשוהס איז אויך געווען דער ארעמער דארפסגלעזער אברהם פעלדשוה, וועלכער האט זיך געראטעוועט מיט זיין משפחה פון דעם חורבן און זיין עדות געפינט זיך אין אונדזער בוך.

די לאנאוויצער יידן מיט אנדערע נעמען זיינען ס׳רוב געווען צוגעקומענע, חתונה־געהאטע אין דארף אריין, „איידעמס״, אדער „אפיציאליסטן״, פון לאנאוויצער גוט, וואס איז אפאר יאר פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה איבערגעגאנגען אין יידישע הענט. דער יידישער גוטס־פעכטער פון לאנאוויץ וועלכער האט איבערגענומען דאס גוט ביים פוילישן פעכטער דלוסקי, האט געהייסן שפיס, זיין נאכפאלגער, דער לעצטער יידישער „פריץ״ פון לאנאוויץ, האט געהייסן שפערלינג. מיט א צוויי דורות פריער איז שוין אבער דאס לאנאוויצער גוט געווען איינמאל אין יידישע הענט און זיינע פעכטער זיינען געווען א „פעטער עובדיה״ און א „מומע אייגע״ — א פארפאלק געשוועסטער־קינדער, וואס איינס פון זיי האט געהייסן פון דערהיים פעלדשוה און דאס צווייטע קימעלמאן. אייגה׳ס ברודער מאיר קימעלמאן — א בעל הבית מיט אייגן פעלד — דער זיידע פון רחל אויערבאך האט אויסגעבויט אין לאנאוויץ א קלויז און די ערן־בעל תפילות פון דער דאזיקער קלויז זענען געווען מאיר קימעל־מאנס זון, דער לאנאוויצער גביר און „קאפיטא־ליסט״ זעליק קימעלמאן און איציק הערשס זון מאיר נאגלער. זיי און זייערע זין און אייניקלעך ווערן דערמאנט אין די עדויות, וואס זיינען געדרוקט אין דאזיקן בוך *).

---

*) בסך־הכל האבן ארומגערינגלט אזיעראן אן 18 דערפער מיט פולווארקעס. כמעט אלע ווערן דערמאנט אין אונדזער יזכור־בוך מיט דער בערך׳דיקער צאל פון יידישע נפשות אומעטום. נאך צווישן ערשטן און צווייטן וועלט־קריג האט מען געשאצט די צאל יידן אין אט די ארומיקע דערפער באַל אויף גלייך מיט אזיעראן גופא ארום צוויי טויזנט נפשות. די דערפער און פול־ווארקן זיינען געלעגן אוסגעשפרייט אין א ראדיוס פון 7 קילא־מעטער ארום אזיעראן. די צאל פון די לעבן־געבליבענע נאך היטלערס בלוט־באָד דערגרייכט קוים 4—5 פראצענט.

רעד.

איטשע מעצקער, ניו־יארק

מיין טאטנס א בריוו

(וועגן די יידן פון לאנאוויץ און קאזאטשינע)

ווען איך האב מיט יארן צוריק, נאך איידער מען האט פארויסגעזען דעם שרעקלעכן חורבן, אנגעהויבן טראכטן וועגן שרייבן מיין ראמאן „אויפן זיידנ׳ס פעלדער״, האב איך אהיימגעשריבן צו מיין פאטער ע״ה קיין קאזאטשינע און אים געבעטן, ער זאל מיר העלפן מיט א ביסל אינפארמאציע. מיין טאטע

האט מיך לאנג נישט געלאזט ווארטן, און מיר אנגעשריבן א בריוו אויף פיר גרויסע זייטן, אין דריבנעם כתב, וועלכן איך האב ביז איצט אויפגעהיט.

אין אנפאנג בריוו שרייבט מיין פאטער, אז די ערשטע יידן, וואס האבן זיך מיט א סך יארן צוריק באזעצט אין אונדזער דארף און אין די ארומיקע דערפער זיינען געקומען אהין אין חסד פון די פוילישע פריצים און בעיקר פון פירשט סאפיעהע, צו וועלכן עס האבן געהערט דער רוב גיטער אין דער געגנט. דער טאטע שרייבט: אונדזערע עלטערע יידן וייסן צו דערציילן וועגן א פאמיליע פעלדשוה, וואס האט מיט א סך יארן צוריק זיך באזעצט אין אונדזער דארף און געהאלטן די פראפענאציע פון דעם בילטשער פירשט. די פעלדשוה׳ס האבן זיך דערנאך געקויפט גיטער. אויך די פאמיליע בלאנק איז איינע פון די עלטסטע אין דארף. אן עלטער־זיידע פון מעכל בלאנק איז געווען א ייד מיטן נאמען ברוך. מען דערציילט, אז דער ברוך פלעגט אליין זיך איינשפאנען אין א וואגן און אליין ברענגען א פור האלץ פון וואלד. ער פלעגט אויך פירן מלחמה מיט די שקצים, ביז זיי האבן זיך פארנומען און אים אזוי געשלאגן, אז ער איז פון די ווונדן געשטארבן.

„וועגן אונדזער פאמיליע וויס איך, אז דעם עלטער־זיידן ר׳ יוסף — דיין זיידע און מיין שווער — לייב־אייזע׳ס פאטער, האט מען אלס קינד אריבערגענומען פון רוסלאנד, ווען מען האט דארט געכאפט קליינע יינגלעך צום שמד. דיין זיידנ׳ס שווער האט מען געבראכט אין דארף אריין פון בוטשאטש, אז ער זאל זיין א נאמן אין דער פראפענאציע ביי קימעלמאנען. מאכט זיך א מעשה און א פרעמדער, א געוויסער האלבין, האט אויסגעדונגען די פראפענאציע. איז מען באלד אוועק צום הוסיאטינער רבי׳ן, סטייטש, מען האט דאך נאך פון זיידן געהאלטן דאס געשעפט און איצט דארף מען אפטרעטן? דער הוסיאטינער צדיק האט מבטיח געווען, אז דער האלבין וועט נישט איבערנעמען די פראפענאציע און זאגאר זיך בעטן, אז מען זאל זי ביי אים צוריקנעמען. אכלל, דער האלבין האט געבראכט א גרויסע ווירטשאפט מיט גוטע מעבל און טייערע זאכן. איז מען ווידער געפארן צום רבי׳ן און דער רבי האט געענטפערט ער האט נאך ניט איבערגענומען און וועט ניט איבערנעמען. און אזוי איז עס געווען. אין דעם טאג פון איבערנעמען איז אראפגעפאלן א דונער אויף דער קרעטשמע און פארניכטעט די גאנצע ווירטשאפט מיט דעם בראנפן. דערנאך האט מען זיך שוין געבעטן ביי קימעלמאנען, אז ער זאל צוריקנעמען די פראפענאציע״.

דער זיידע לייב־אייזע רייך האט מיט א סך יארן צוריק געפאכטעט די מיל לעבן אונדזער הויז און דארט אויסגעארבעט דאס טונקעלע ביבולע־פאפיר. פון די ארומיקע דערפלעך און שטעטלעך פלעגט מען ברענגען שמאטעס, פון וועלכע מען האט דאס פאפיר געמאכט. דער זיידע האט דאס פאפיר געפירט אין אזעלכע שטעט ווי טארנאפאל און בוטשאטש. ער פלעגט דערציילן ווי ער האט דאס ערשטע נאפט־לעמפל געבראכט פון דער וועלט און ווי ערלים און אויך יידן פון דארף זיינען זיך צונויפגעלאפן זען דאס חידוש.

און דאס זיינען ווייטערע פרשות פון מיין טאטנס בריוו:

„די יידן האבן זיך צוביסלעך פארמערט אין דארף. זיי האבן מיט די אוקראאינער זיך געלעבט בעסער ווי מיט די פאליאקן, ווייל דער דארפס־פאליאק, כאטש ער האט קיין פויליש ניט געקענט, האט ער זיך געהאלטן שטאלץ. יידן אין דארף האבן געצויגן פרנסה מער פון די אוקראאינער. מען האט דעם אוקראאינער געגעבן סחורה אויף בארג, אים געליען געלט, אבער מיט דעם פאליאק האבן די יידן ווייניק וואס געהאט צו טאן.

„קיין אמעריקע איז מען אמאל פון אונדז זעלטן געפארן. ווען דער פעטער הערש רייך איז מיט יארן צוריק (אין די ניינציקער יארן פון לעצטן יארהונדערט, י. מ.) אוועקגעפארן קיין אמעריקע, האב איך אים מיט מיינע פערד אפגעפירט קיין טשארטקאוו צו דער באן. איך האב דעמאלט אין שפאס א זאג געטאן, אז איך וועל אין טשארטקאוו פארקויפן די פערד מיטן וואגן און אויך מיטפארן. איך האב דעמאלט מיט זיך אויך געהאט אביסל געלט. האט מען מיר באלד אויסגעליידיקט די קעשענעס און די מאמע מיט דער באבען האבן מיך שוין פון אויג ניט אפגעלאזט. זיי האבן זאגאר מיטגעשיקט א מענטשן

מיט מיר, מיך צו היטן און מיך צוריק אהיימצוברענגען פון טשארטקאוו".

„ווען עס האט זיך געמאכט עפעס א צרה אין דארף איז מען באלד געפארן צום רבי'ן. מיין שווער לייב־אייזע פלעגט אויך אפט פארן צום טשארטקאווער אויף ימים נוראים. עס פלעגט אויך צו אונדז אין דארף אריין אלעמאל קומען ר' וועלוועלע אזיעראנער. ער איז א סך מאל געקומען צו ברית מילות. מען האט אים געבראכט, ער זאל זיין סנדק. ער איז באמת געווען א צדיק. דאס פירונג איז געווען ביי אים ארים. ווען א פרוי האט אים אמאל געוואלט געבן א פדיון האט ער ניט געוואלט נעמען, ביז מען האט אים ניט באשטעטיקט, אז איר מאן ווייסט דערפון. ער האט אין אלגעמיין ניט געוואלט נעמען קיין געלט.

„דער זיידע לייב־אייזע איז געווען ביי אים א מקורב. ער פלעגט ר' וועלוועלען אביסל פריילעך מאכן מיט זיינע ווערטלעך. מענטשן זאגן, אז ער איז אויך געווען א בעל מופת. ביי אונדז איז אמאל שטארק קראנק געווען א קינד, איז דער זיידע אוועק צו ר' וועלוועלען און ער האט מבטיח געווען, אז עס וועט האבן א רפואה. און עס איז טאקע מקוים געווארן, כאטש דאקטוירים האבן דאס קינד שוין געהאט אויפגעגעבן".

אין דעם בריוו גיט מיין פאטער אויך אן אייג־צעלהייטן וועגן דעם ווי די יידן האבן געלעבט אין דעם צוויליג־דארף קאזאטשינע־לאנאוויץ צווישן א זויפיל גוים און פון וואס זיי האבן געצויגן זייער פרנסה. אויך שרייבט ער וועגן דעם ווי אזוי זיי האבן זיך אויסגעלעבט אין זייערע היימען און אין די קלויזן.

עס זיינען דארט געווען צוויי קלויזן. איינע איז געבויט געווארן אויף דער זייט פון דער קאזאטשינע אין 1895, אויפן גארטן פון מיין עלטער־פעטער הערש לייבהארט, דער פאטער פון פייוויש לייבהארט. די צווייטע קלויז איז געווען אין לאנאוויץ אויף דעם הויף פון מאיר קימעלמאן, דער זיידע פון דער שריפטשטעלערין רחל אויערבאך. מיט דער צייט האבן א צאל יידן איבערן אזיעראנער מחלוקת (צווישן אנהענגער פון יחיאל פעפער און פון ר' וועלוועלע'ס ממלא מקום, זיין אייניקל'ס מאן ר' אלעזר)

פארלאזט די קלויזן און געשאפן א באזונדערע גרופע, וואס האט געהאט איר מנין ביי ישראל לייב גראסער אויף דער קאזאטשינע. מען האט אזוי ארום דארט געדאוונט שבתים און יום טובים אויף דריי ערטער. דאס באווייזט, אז עס האבן אין דעם צווילינג־דארף געלעבט א היבש ביסל יידן. אין איין צייט, פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען דארט געווען עטלעכע און פערציק יידישע פאמיליעס.

די יידן האבן געוווינט צעווארפן איבער דעם גרויסן דארף און אין דער וואכן האבן זיי זיך דארט ניט אנגעזען. ווען עס איז אבער געקומען א שבת, א יום טוב און זיי האבן זיך אויסגעטאן פון זייער וואכעדיקער הארעוואניע, אפגעקראצט פון זיך די בלאטע, זיך אויסגעפוצט אין די שבת'דיקע בגדים און זיך פארזאמלט אין די בתי תפלות, האט מען ערשט געזען, אז זיי זיינען ניט וויניק אין צאל. גוים פלעגן ניט איינמאל בלייבן שטיין ווי פארחידושטע, ווען זיי האבן געזען גיין די יידן פון דאוונען און זיי פלעגן ניט איינמאל צווישן זיך רעדן, אז אזויפיל יידן קענען נאך אמאל זייער דארף פארוואנדלען אין א שטאט.

איך זע נאך איצט פאר מיינע אויגן דאס בילד ווי די דארפישע יידן, אנגעטוענע אין די טליתים און אין די שטריימלעך, גייען מיט זייערע בני בית דאוונען און עס איז מיר נאך אלץ שווער צו גלויבן, אז זיי זיינען דארט מער ניטא.

כמעט אלע יידן האבן אין קאזאטשינע־לאנאוויץ געוווינט אין זייערע אייגענע שטיבער. מען האט געהאט אן אייגענעם גארטן און א באלעבאטישקייט מיט עופות, קאטשקעס און גענדז. א גרויסער טייל פון די יידן האבן דארט געהאט צו עטלעכע מארג פעלד און מען האט אויך געהאט בהמות און פערד. אייניקע האבן אליין באארבעט דאס פעלד און אנדערע האבן עס אוועקגעגעבן די גוים אויף שותפות. געווען דארט אויך א צאל יידן, וואס האבן געהאט גאר א סך פעלדער און זיינען געווען פאררעכענט פאר גרויסע גבירים. א באדייטענדע צאל פון די דארפישע יידן זיינען געווען סוחרים, געהאנדלט מיט פערד, בהמות, מיט תבואה, אייער, געהאט געוועלבלעך און געהאלטן אין ארענדע קרעטשמעס, פאר־

לאגן *) און אויך די צווי ראגאטקעס, וואס זיינען דארט געווען.

די שטאטישע יידן האבן אביסל געזינדיקט קעגן די יידישע דארפסלייט. עס איז ביי די שטאט־לייט געווען כמעט ווי אן אנגענומענער כלל, אז אלע דארפס־יידן און זייערע קינדער זיינען פארגרעבטע, אז זיי קענען ניט קיין שייטל עברי און זיי האבן זיך באצויגן צו זיי מיט גרינגשעצונג. די אנגענו־מענע מיינונג איז אבער דורכאויס געווען א פאלשע. אוודאי האבן אין די דערפער ניט געפעלט קיין עם הארצים, אבער פראפארציאנעל זיינען זיי אין שטאט געווען אפשר מער. אויף ווי ווייט איך ווייס, איז אין מיין צייט, אין אונדזער דארף, ניט געווען קיין איין יינגל, וואס איז ניט געגאנגען אין חדר. כמעט יעדעס יינגל האט געלערנט ביז ער האט אנגעהויבן לייגן תפילין און ער האט געמעגט האבן וואס פאר א גראבן קאפ, האט ער ווי עס איז געקענט דורכקריכן א פרשה חומש.

געווען ביי אונדז יידן, געבוירענע אין דארף, וואס האבן געקענט א בלאט גמרא. געווען אין קאזא־טשינע־לאנאוויץ א יוגנט, וועלכע האט זיך דערווארבן א סך בילדונג, געקענט גוט דייטש און פויליש, אויך העברעאיש און זיך אינטערעסירט מיט ליטעראטור און מיט וועלט־פראבלעמען. מען האט אין דארף שטענדיק געהאלטן גוטע לערער און די ארעמע יידן האבן געשפארט פשוט פון מויל, כדי צו קענען צאלן שכר לימוד.

אפילו געזעלשאפטלעך איז דאס יידישע לעבן אין דארף אויך ניט געווען אזוי צוריקגעשטאנען. די יידן האבן טאקע געוווינט צעווארפן, אבער זיי האבן זיך געהאלטן צוזאמען. אחוץ שבתים און יום טובים אין די קלויזן, איז מען געגאנגען איינער צום אנדערן אויף שמחות. מען האט זיך פארזאמלט אין היימען לייענען א צייטונג, רעדן וועגן פאליטיק, שפילן אין דאמינא, אדער אין שאך. פון צייט צו צייט האט מען אויף שבת אויך אראפגעבראכט א בעל דרשן און שפעטער אויך א מאדערנעם רעדנער. נאך מיט א סך יארן צוריק איז שוין אין דארף געווען א חברה „ביקור חולים”. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דארט אויך געווען א ציוניסטישער קלוב, א דראמא־טישע גרופע, א לייען־זאל, א טאנץ־שול און אין איין צייט איז דארט אויך געווען א מאדערנע יידישע שול.

אזוי ווי אסך יידן פון דארף האבן געהאט גענדז און פון גענדז זיינען דא פעדערן האט מען אין די ווינטערדיקע שבת־צו־נאכטן געמאכט „טאליקעס” אויף צו פליקן פעדערן. יעדען שבת צו נאכט איז מען זיך צונויפגעקומען אין אן אנדער הויז און עס איז געווען אן אוונט פארוויילונג פאר יונג און אלט. די מיידלעך און די פרויען האבן געפליקט די פע־דערן. דער לערער, אדער ווער פון די יונגעלייט האט געגעבן א שפאסיקע פארלעזונג בעיקר פון שלום עליכם און מען האט געזונגען לידער, וואס די יידישע סטודענטן פון דארף האבן געבראכט פון דער וועלט. אין די זומערדיקע שבתים איז די יוגנט געגאנגען שפאצירן פון איין ראגאטקע צו דער צווייטער. מען האט זיך באגעגנט מיט יוגנט פון שכנות־דיקע דערפער. אדער פון די ארומיקע שטעטלעך, מען האט פריילעך פארבראכט און מען האט געחלומט וועגן דער ווייטער גרויסער וועלט.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האט די יוגנט פון דארף זיך אנגעהויבן ציען אין דער וועלט אריין. אבער בלויז א טייל האט געהאט דאס מזל זיך ארויס־צורייסן פון דארטן.

אסך יידן האבן געלעבט אין די קליינע דארפישע קהלות פון מזרח־גאליציע. זיי זיינען פאר דורות דארט געווען איינגעווארצלט און געפירט אן אייגנ־ארטיק יידיש לעבן. זיי זיינען אבער אין א געוויסן זין געווען אפגעזונדערט פון דער גרויסער יידישער וועלט און מען האט זייער ווייניק געוווסט וועגן זייער לעבן. ערשט ווייסט מען נאך ווייניקער וועגן זייער טראגישן אומקום...

*) פארלאג אדער טראפיק — טאבאק־געשעפט. אין עסט־רייכישע צייטן האט מען געדארפט דערויף א קאנצעסיע.

סאניע (נתנאל) בלויטאל

דאס דארף בילטש פארן חורבן

בילטשע זלאטע איז א דארף אין בארשטשעווער באצירק, טארנאפאלער קרייז, מזרח גאליציע. דאס איז געווען א גרויס, כמעט ריין אוקראיניש דארף מיט א באפעלקערונג פון איבער טויזנט משפחות. דאס דארף האט צוטיילט אויף צוויי טיילן דער טייך סערעט און עס זיינען דארט געווען צוויי באזונדערע פאראפיעס, מיט באזונדערע קלויסטערס; מיט באזונדערע גלחים, אפילו מיט צוויי באזונדערע צווינטערס.

דאס דארף איז געווען רייך מיט סעדער, מייגסטנס עפל, פלוימען און כל נדרי־בארלעך. די כל נדרי־בארלעך פלעגט מען אפטריקענען און א גאנצן ווינטער האבן זיי די יידן גערוקט אין טשאלנט. ס׳זיינען אויך געווען דערען־בוימער ענלעך צו ווייגשיל, נאר לענגלעך און זויערער. דעם דערען פלעגט מען אויפשטעלן אין בוטלעס ס׳זאל זיין אויף שמחות און אויף נישט צום באדארפן, אז עמיצער האט געהאט א מיחוש אויפן מאגן, פלעגט דאס גוט אויסווארעמען.

די ערד אליין אין בילטשע איז געווען זייער א רייכע. כמעט א דריטל פון די תבואות זיינען געווען קוקורודזעס. די פויערים האבן דאס גערן געזייט כאטש ס׳איז געווען א שווערע ארבעט ביי קוקורודזעס, נאר זיי האבן זיך געלאקאמעט, ווייל צווישן די קוקרודזעס פלעגן זיי פארזייען פאסאליעס, ארבועס ווי אויך סימניע (קאנאפליעס, האנפט) אויף איל. די בילטשער פויערן האבן זיך געקויכעט (געליבט) אין שאף, אזוי, אז כמעט יעדער פויער האט געהאט א טשערעדע מיט שאף, אין דארף איז געווען א פאר טויזנט שאף.

דאס דארף האט געהאט מער ווי 4 מנינים יידן מיט אן אייגענער קלויז מיט 4 ספרי תורה. איין ספר תורה איז געווען א מיוחס, ווייל רבי וועלוועלע אזיעראנער האט עס געענדיקט. איינס פלעגט מען פארדינגען אין א צווייטן דארף מילקווו, איינס איז געווען א פסול ספר תורה, וועלכעס מען פלעגט ארויסנעמען נאר איינמאל אין יאר שמחת תורה צו די הקפות און דאס פערטע גלאט אזוי א ספר תורה.

חוץ לזה איז געווען אין בילטשע א מרחץ מיט א מקוה, און א בית הקברות, אויף וועלכן מען פלעגט באהאלטן נאר אין א נויט ווען ס׳איז געווען א מגפה, אדער בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מ׳האט ניט געקאנט ארויסקומען מיט׳ן מת קיין אזיעראן, ווו מען פלעגט פירן כמעט אלע בילטשער מתים. אחוץ דעם האבן מיר באהאלטן אויפן בילטשער בית־עולם בשעת דעם ערשטן קריג אלע יידישע סאלדאטן, וועלכע דאס שפיטאל פלעגט אונדז ארויסגעבן.

פון דעם וואס איך געדענק און וואס מען האט מיר דערציילט, ווייס איך, אז עס איז תמיד אין בילטש געווען א שוחט, וועלכער האט געמוזט אויספירן אסך פונקציעס. ער האט געמוזט זיין א מוהל, א חזן, מסדר קידושין זיין און אויך קענען פסקנען א שאלה אין כשרות. שוחט אין בילטשע איז געווען רב פרויקע שוחט און נאך אים איז געקומען רב אברהם פאלבער, וועלכער איז געווען מיין זיידע און דערנאך מאיר בלויטאל, מיין פאטער. אין ערשטן וועלט־קריג האט מיין טאטער פארלאזט דאס דארף.

נאך אין בילטש האט מיין טאטע געשאפן א קרייז פון בחורים און האט געלערנט מיט זיי גמרא, אבער מייגסטנס נאר אין סעדער אדער אין וועלדלעך, א דאנק אים האט מען אין דארף אויפגעשטעלט דאס מרחץ מיט דער מקוה, וועלכע מען פלעגט יעדן ערב שבת און יום טוב אנווארעמען. אחוץ דעם האט בילטש געהאט א חערסאנער ייד א פליט פונם רוסיש־יאפאנישן קריג, אברהם יצחק ליטמאן, א בעדער פונדערהיים. אין בילטש איז ער געווארן אי א בעדער אי א שמש. א וווינונג האט ער געקריגן צוזאמען מיטן באד. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער מיט זיין גאנצער משפחה אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל. חוץ לזה איז געווען א לערער מיטן נאמען יאסעלע ווייזינגער, וועלכער געפינט זיך איצט אין חיפה.

6 יידישע משפחות אין בילטשע האבן געלעבט

פון קירזשנערײ. זײ האבן געניײט א גאנץ יאר פעלצן פאר די פויערן. 4 משפחות האבן געהאט אלעינעס (אייל־פרעסן) און האבן געמאכט כמעט א גאנץ יאר סימניע־בוימל. 8 משפחות האבן געהאט פעלדער און דערפון געצויגן זײער פרנסה. עס איז אויך געווען א ידישער שוסטער, א באדנער, א פאר אייער־סוחרים, א קצב, 5 טראפיקאנטן און גלאט קרעמערס פון פארשידענע סחורות.

ייִדן האבן געלעבט בשלום ובשלוה. שבת פלעגט מען גיין דאנען אין די שטריימלעך און טליתים אויף די ייִדענע בעקעשעס און קיין שום שייגעץ האט נישט געוואגט צו זאגן א ווארט. כ׳געדענק שמחת תורה שפעט ביי נאכט איז מען געגאנגען כמעט איבערן גאנצן דארף בגילופין, געזונגען בקול רם און ס׳איז געווען לא יחרץ *).

חדרים און מלמדים

פון בילטש קיין אמעריקע פלעגט מען פארן דורך אזיעראן, ווייל דארטן איז געווען די באן־סטאציע. אין דעם צווייטן שטעטל קאראליווקי איז נישט געווען קיין באן־סטאציע. האט מיין רבי יענקל דער רויטער געפרעגט, צי דורך קאראלהווקי קען מען אויך פארן קיין אמעריקע...

כ׳האב זײער נישט געהאט קיין חשק צו גיין אין חדר און אז מען האט מיך שוין יא געבראכט צו טראגן אין חדר, האב איך נישט קיין חשק געהאט ארײנצוקוקן אין סידור, אזוי ווייט אז מיין טאטע ז״ל איז געפארן מיר פראווען צום טשארטקאווער רבי, רב דוד משה ז״ל. ווייזט אויס, אז דאס פראווען האט יא געהאלפן, ווי איר זעט קען איך דאך לייענען און שרייבן...

כמעט יעדער רבי האט געהאט א קאנטשיק. און אזוי אויך מיין רבי יענקל דער רויטער, וועלכער פלעגט

*) 40־יאר שפעטער זיינען אומגעקומען 95% פון די בילטשער ייִדן דורך די הענד פון די אליאירטע דייטשן מיט אוקראינער היידאמאקעס. פון סאניעס משפחה אליין — טאטע־מאמע און 6 קינדער (צוויי ברידער און 4 שוועסטער) האט זיך געראטעוועט בלויז ער מיט זיין יונגסטער שוועסטער לאה און איהר מאן דורך דער גנאד פון א פאליאק. (זע רשימה פון בילטשער קרבנות אויף ז׳ 384/85) — רעדאקציע.

אויספירן זיינע עקזעקוציעס איבער זיינע דריי און פיר יעריקע תלמידים. דאס איז געווען מיט בערך 50 יאר צוריק. דערנאך בין איך איבערגעגאנגען פון לערער צו לערער, פון רבי צו רבי׳ן, נאר קיין קאנטשיק האב איך שוין מער נישט געזען, ווען כ׳בין אלט געווארן 4 יאר, האט מען מיך איבערגעפירט צו א נייעם רבי׳ן, אברהם בנימין דער קרומער האט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען פאראליזירט אויף ביידע פיס. ביי אים האב איך שוין געלערנט מיט אביסל חשק. ווער ס׳האט גוט געזאגט עברי פלעגט ער זאגן: „ער דאווענט ווי א פאטיק (א טייכל) בארג אראפ". און ווער ס׳פלעגט זאגן עברי שוואך, פלעגט ער זאגן: „ווי א פאטיק בארג ארויף".

ל״ג בעומר זיינען מיר געגאנגען פונ׳ם חדר אויפן „בארג סיני". מיר זענען געגאנגען מיט פייל און בויגן, חוץ דעם מיט באקסער און פייגן. „דער בארג סיני" איז געווען נישט ווייט פונם חדר. צופיסנס פונם בארג איז געפלאסן דער טייך סערעט. ווען איך בין אלט געווארן זעקס יאר, איז מיין נייער רבי געווען אברהם אלי׳. גרויס איז ער געווען ווי א טל ומטר אין א קליין סידורל, נאר גוט איז ער געווען ווי א מילדע זון אינם פרילינג. ער האט שוין נישט געהאט די טבע צו שלאגן קינדער פאר שלעכט לערנען, נאר ער פלעגט זיי סטראשען, אז ער וועט זיי שטעלן אין קונא. מען פלעגט אוועק־שטעלן דעם פארשולדיקטן אין א ווינקל אויף א פאר מינוט און דאס איז געווען די גאנצע שטראף.

אויפן זיבעטן יאר בין איך איבערגעגאנגען צו א נייעם לערער — „הער לערער" פלעגן מיר אים רופן — יוסף ווייזינגער. ער געפינט זיך דא אין לאנד לאורך ימים. ביי אים האב איך געלערנט חומש מיט רש״י, נ״ך און א שטיקל גמרא. ער האט מיך אויך געלערנט שרייבן יידיש, לעזן און שרייבן דייטש, וואס איז געווען דעמאלט אין דער מאדע, ווי אויך רעכענען — חיבור, חיסור, כפל, חילוק. ביי אים האב איך מיך געהאלטן אן ערך ביז 10 יאר.

א תלמיד אין לאשקעוויץ

אין עלפטן יאר בין איך איבערגעגאנגען לערנען צו מיין זיידן אין לאשקעוויץ. דארט האב איך געלערנט מיטן דארטיקן רבי׳נס 2 זין אלטער און

שמואל, רבי'אישע מיוחסים געשטאמט פון רבי מאירל פון פרעמישליאן. _

לאשקעוויץ — ביים טייך סערעט —איז געווען א רואיק שטעטעלע מיט איבער 100 יידישע משפחות, האט געלעבט כמעט נאר פון דעם יאר־יריד, וואס פלעגט זיך אנהויבן דעם 24־טן יוני און דויערן ביז דעם 10־טן יולי. די יידן פלעגן פארדינגען זייערע „כאלופעס" — אזוי האבן געהייסן פשוטע געביידעס פון האלץ און ליים — ווו מען פלעגט אריינלייגן די סחורות צום פארקויפן. אויך פלעגן די לאשקעוויצער יידן פארדינגען אלע זייערע שטובן פאר די סוחרים, וואס פלעגן קומען פון גאליציע און בוקאווינע. די לאשקעוויצער יידן פלעגן עפענען רעסטאראנען אויף דער צייט פונם יריד. די ירידים זיינען געפירט גע־ווארן אין גרויסן פארנעם. אזוי ווי זיי זיינען אויס־געקומען פארן שניט, פלעגן די פריצים פון דער גאנצער געגנט אהערקומען און מאכן פארפארקויפן פון פארשידענע תבואות. פיל שניט־קרעמער פלעגן קומען פון גאנץ גאליציע און פלעגן דא פארקויפן זייערע סחורות. ס'פלעגן אויך קומען פארשידענע פעל־הענדלער, פעדערן־סוחרים, גראבע לייוונט־כוחרים; אויך די ספרים־הענדלער און פארלעגער — אהרן פויסט פון קראקוו און שמחה פריינד פון פשעמישל. ווי אויך 2 גאלדשמיד־פירמעס — סענדזער און ציפער פון לעמבערג. יידן פלעגן קומען קויפן אהער גאלדענע קייטן מיט זייגערס, רינגלעך, ווי אויך זילבערנע לייכטערס פאר חתן כלה. מען פלעגט זאגן „מען פארט קאווען חתן־כלה". ס'איז אויך געווען א מאדע צו מאכן א „בעשוי" פון החתן־כלה אין לאשקעוויץ.

נאכן יריד איז עס געווען א טויט שטעטעלע, נאר מיט א שיינער אומגעגנט. אין מיטן דעם שטעט־טעלע איז זיך געפלאסן דער טייך סערעט. פון דרום, צפון און מערב איז עס געווען ארומגערינגלט מיט בערג און שיינע וועלדלעך. לאשקעוויץ האט געהאט 2 בתי קברות — אן אלטן און א נייעם — א בית מדרש און דעם לאשקעוויצער רבי'נס קלויז, ווי אויך א שיינע שול, וועלכע איז געווען א זעלטנהייט אין דער גאנצער געגנט. אויסצוענדיקן די שול האט זיך אונטערגענומען צום סוף פון 19־טן יאר־הונדערט א ייד מיטן נאמען מאיר בארטפעלד, מאיר „כאראצקער" האט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען פון דארף סאראצק טרעמבלאוולער, באַ־צירק. וועגן מאיר סאראצקערס הכנסת אורחים זיינען א־רומגעגאנגען לעגענדעס אין גאנץ מזרח־גאליציע און ער איז טאקע געווען א שם דבר. אזוי ווי ער פלעגט קומען קיין לאשקעוויץ אויף די ירידים און האט געזען די ארעמע, נישט אויסגעענדיקטע שול, האט ער כמעט מיט אייגענע געלט־מיטלען אויסגעענדיקט די שול.

א שטעטעלע פונם אלטן רבונו של עולם — האט מען דא קיינעם נישט גערופן ביים פאמיליע־נאמען, נאר אויפן טאטנס אדער מאמעס נאמען, אדער גלאט אזוי מיט א צונאמען. די צונעמען זיינען גע־ווען צו „זאפטיק"; נישט פאסיק אויפן פאפיר.

אין מיין צוועלפטן לעבנס־יאר בין איך צוריק־געקומען אהיים קיין בילטש און האב געלערנט ביי מיין פאטער ז"ל ביז פרילינג 1915. שפעטער ביי גמרא־מלמדים אין בתי־מדרשים און צולעצט שוין א גרייסער בחור א תלמיד ביים כאראסטקאווער גדול, ר' משולם ראטה (היינט דער אויבער־פוסק ביים רבנות הראשית אין ישראל).

וו חורבן און אומקום

אזוי איז אזיעראן חרוב געווארן

זישע פעלץ דערציילט

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה און מיטן אריינ־קום פון די סאוויעטן האב איך קודם נאך אביסל געהאנדלט אומלעגאל מיט תבואה, דערנאך האב איך באקומען א פאסטן אלס פארוואלטער פון מיין איי־גענעם תבואה־לאגער, וועלכער איז געווארן נאציא־נאליזירט. אייגענטלעך זיינען געווען 5 שפייכלערס, אין וועלכע די סאוויעטישע מאכט האט קאנצענטרירט

די תבואות, וואס די פויערן פון אט דער תבואה־רייכער פאדאליער געגנט האבן געמוזט ליפערן אויף קאנטיגענט.

אוקראינער הויבען אן שחיטה פון דארפס-יידן די דייטשן רויבן און שלאגן

אין דער צייט צווישן צוריקגאנג פון די סאוויעטן און אריינקום פון די מאדיארן (7 יולי) זיינען פארגעקומען אין די דערפער ארום אזיעראן בעסטיאלישע הריגות פון יידן. אין זשילעניץ (Zielince) האבן אוקראינישע מערדער געבונדן אברהם בלאנקן מיט זיין משפחה — 5 נפשות און דערטרונקען אין טייך ניטשלאווע. אין פילאטקאוויץ Pilatkowce זענען געווארן אויסגעמארדעט אלע 4 יידישע משפחות, וועלכע האבן דארט געוווינט — בערך 20 נפשות. אין קליינעם שטעטלע לאשקעוויץ Ulaszkowce בארימט מיט זיינע יאר ירידים, זיינען געהרגעט געווארן א גרעסערע צאל יידן. די דאזיקע הריגות זיינען אויסגעפירט געווארן אונטערן פרעטעקסט פון נקמה פאר די געהרגעטע ארעסטאנטן, וואס די סאוויעטן האבן איבערגלאזט אין דער טשארטקווער תפיסה, זיי זיינען געווען א „תפיסה־אקציע", ווי אין רוב ערטער פון דעם שטח וואס איז געווען פריער באזעצט דורך די סאוויעטן. אין אזיעראן האבן די צייטווייליקע אוקראינישע מאכט־ארגאנען צונויפגעטריבן פון די הייזער ביי א הונדערט מענער פאר דער געמיינדע און זיך געגרייט דערשיסן זיי אויפן שטח פון דעם טארטאק ביי דער באן. מען האט געהאלטן די יידן אין אנגסטן עטלעכע שעה, בשעת דער ארטיקער גלח און די פרוי פון דעם דאקטאר קראוועצקי, האבן

זישע פעלץ, געבוירן 1900 אין בוסק. פון דער אגנצער משפחה האט זיך געראטעוועט בלויז זישע. דער פאטער יוסף מיט 4 שוין אויסגעגעבענע קינדער און זייערע משפחות זענען געווארן ארויסגעפירט קיין בעלזשעץ.

זישע, אן אויפקויפער פון תבואה אויף דער בערזע. האט אין 1925 חתונה געהאט מיט מרים בלויטאל, דער טאכטער פון דעם מיל־אייגנטימער אברהם בלויטאל פון טערניוועקע און האט בשותפות מיט זיין שוואגער הערש בלויטאל געשאפן אין אזיעראן א תבואה־פירמע, וואס פלעגט עקספארטירן פאסאליעס און אנדערע פראדוקטן קיין אויסלאנד. די משפחה פעלץ האט זיך באזעצט אין אזיעראן. ר. א.

אנגעווענדעט כלערליי מיטלען און ארגומענטן, כדי נישט צו דערלאזן צו דער הריגה. עס איז זיי געלונגען אפצוציען די עקזעקוציע נאך א שעה און נאך א שעה, אזוי לאנג ביז עס איז אנגעקומען אן אפטייל אונגאריש מיליטער און דערזעענדיק אזא המון יידן געהייסן זיי פארנאנדערגיין זיך אין די היימען. דער זעלבער גלח האט מיט א פאר טעג שפעטער ארגאניזירט א דעמאנסטראציע, אין וועלכער ער האט אויך יידן געהייסן זיך באטייליקן. ער האט געהאלטן א רעדע, אין וועלכער ער האט געלויבט היטלערן און אויפגעפאדערט די גאנצע באפעלקערונג פון אוקראינער, פאלאקן און יידן זיין געהארכזאם און לאיאל צו דער דייטשער מאכט.

ביים טרייבן צו צוואנגס־ארבעט

דעם ערשטן טאג ראש השנה 1941 זיינען געקומען אין שטעטל עטלעכע געסטאפא־לייט, גערויבט און צעשלאגן עטלעכע יידן, וואס זיי האבן געטראפן גיין אויפן טראטואר. די אזיעראנער יידן האבן נאך דעמאלט נישט געוווסט, אז יידן איז פארווערט צו גיין אויפן טראטואר.

די יונגעלייט, וואס מען האט צוגעשטעלט צו דער צוואנגס־ארבעט, האבן געארבעט אין וואלד ביים האקן ביימער, ביים פארלאדן און אויסלאדן משאות אויף דער באן, ווי אויך אין די ארומיקע פאלווארקעס און ביי שטראזן (שאסייען). דאס סאמע געפערלעכסטע איז געווען דאס אוועקשיקן יונגע מענטשן אין די לאגערן ארום טארנאפאל (בארקי וויעל־



די מוטער מיט די קינדער — געניע, פרוי פון נחמיה אפעלבוים מיט 3 קינדער (אומגעקומען)

קיע, סטופקי, הלובאטשעק). ביים רעקרוטירן יונגע בחורים, האט דער יודנראט געדראט צונעמען די עלטערן, אויב די זין וועלן זיך נישט צושטעלן. די עלטערן פון די צוגענומענע פלעגן דינגען קריסטן וואס האבן געפירט שפייז־פעקלעך פאר די אזיעראנער יינגלעך אין די לאגערן. די באדינגונען אין די לאגערן זיינען געווען גרויליך שווערע און עס זיינען כסדר געפאלן קרבנות. אויפן ארט פון די אומגעקומענע אזיעראנער האט דער יודנראט געמוזט שיקן „ערזאץ״.

אין אזיעראן גופא איז געווען אן ארבעטסשטעלע — דער טארטאק אין שכנות פון דער באן. אויך איך האב דארט געארבעט. מיין שוואגערס א ברודער האט דארט געארבעט ווי א בוכהאלטער און דער לייטער, א פאלקס־דייטש מיטן נאמען וויאסנא האט זיך האלבוועגס לייטיש באצויגן צו די יידישע ארבעטער, געשיצט זיי פאר צונעמען בעת די אקציעס.

דעם ערשטן טאג פסח 1942 איז ארויס א גזירה, אז אלע יידישע מענער אין עלטער פון 14 ביז 60 יאר דארפן זיך צושטעלן קיין בארשטשוו. די גזירה האט ארומגענומען אזיעראן, בארשטשוו, סקאלא, קאראליוווקא, מילניצע, קריווטש. אין דער געגנט האט אויסגעבראכן א גרויסע בהלה. מענטשן האבן געזוכט אופנים צו שיצן די טאטעס צוזאמען מיט די זין. די נעמען זענען געווען רעגיסטרירט און פארן אויסבאהאלטן זיך האבן געדראט רעפרעסיעס. די טארנאפאלער ארבייטס־לאגערן האבן געהאט א שרעקלעכן שם.

דאס איז געווען די גרעסטע „רעקרוטירונג״ פון קרבנות, וועלכע איז פארגעקומען אין דער געגנט, איידער עס האבן זיך אנגעהויבן די אייגנטלעכע גירושאון פארטיליקונג־אקציעס. מען דארף דערצו באמערקן, אז די יידן פון די ארומיקע דערפער, אויף וויפל זיי זיינען ניצל געווארן פון די ערשטע פאגראמען, זיינען זיי שוין צו יענער צייט געווען היימלאז, ווייל שוין אין די חדשים אויגוסט און סעפטעמבער 1941 האט מען זיי איבערגעשיקט אין די שטעטלעך.

אין אזיעראן זיינען אין משך פון דעם ערשטן יאר פון דייטשער אקופאציע קיין הריגות נישט פארגעקומען. מען האט גערויבט, געשלאגן, געשלעפט אויף ארבעט, קיין מארד־פאלן זיינען נישט געווען.

אין בהמה-וואגאנען קיין בעלזשעץ

זומער און הערבסט 1942, ווען איבער גאליציע און גאנץ פוילן האט זיך געקייקלט די כוואליע פון די פארטיליקונג־אקציעס האבן די יידן אין אזיעראן באקומען א הבטחה פון טשארטקווער קרייז־יודענראט, אז אין אזיעראן וועט קיין „אקציע״ נישט פארקומען. אויך דער בארשטשעווער געסטאפא־מאן קעלנער וועלכער האט זיך באוויזן אין שטעטל ערב סוכות און באקומען שיינע מתנות פון יודענראט, האט צוגעזאגט, אז אזיעראן וועט מען נישט טשעפען.

און שוין אויף צומארגנס, דעם ערשטן טאג סוכות, איז דאס שטעטל געווארן ארומגעשטעלט. מען האט צונויפגעטריבן אלע יידן אויף איין פלאץ, געהאלטן זיי א טאג מיט א נאכט, די אלטע אויסגעשאסן אויפן ארט, א טייל יונגע אויסגעקליבן צו ארבעט און דעם רעשט פארלאדן אין וואגאנען און אוועקגעשיקט קיין בעלזשעץ. צווישן די ארויסגעשיקטע איז אויך אריינגעפאלן מיין פרוי מרים, מיך האט מען ארויסגעצויגן בעת דער סעלעקציע א דאנק מייך ארבעט אין טארטאק.

דעמזעלבן טאג איז פארגעקומען די „אקציע״ אין 5 שטעטלעך פון דער געגנט און קאצמאן, דער ס״ס און פאליציי־פירער פון דיסטריקט גאליציע איז אין דעם טאג געווען אויפן ארט. אויך אין אזיעראן האט דער תלין פערזענלעך קאנטראלירט דעם גאנג פון דער אקציע. מען האט צונויפגענומען



משפחה וויינטרויב — פאהארילעס הי״ד

אין דער געגנט 4000 יידן. אויפן וועג קיין בעלזשעץ זיינען די מיטגלידער פון אזיעראנער יודנראט און ארדנונגס־דינסט געפארן אין איין וואגאן. א טייל האבן אויפגעבראכן א ליכט־לאך אין וואגאן און זיינען ארויסגעשפרונגען. מענדל שיסלער וועלכער איז פאר דער מלחמה געווען א מיטגליד פון דער אזיעראנער קהלה־ פארוואלטונג, האט זיך נישט גע־לאזט אריינציען אין יודענראט, און פון ארדנונגס־דינסט האט מען אים באלד באפרייט, ווייל עס האט אים געפעהלט דער „פסיכישער כוח" דערצו. ס'האט געהייסן אז ער איז אפילו געווען ארעסטירט צוליב דעם.

די רעשטן — פארטריבן אין געטאס פון אנדערע שטעט

נאך דער „אקציע" זיינען דער רעשט איבערגע־בליבענע יידן פון דער געגנט קאנצענטרירט געווארן אין צוויי געטאס — אין בארשטשווו און אין טויסט. אין אזיעראן איז קיין געטא נישט געהאט איינגע־פירט געווארן. די יידן האבן בלויז געמוזט ארויס־הענגען אויף זייערע שטיבער ווייסע צעטלען מיט א מגן דוד.


איך האב זיך באזארגט מיט א „בלעך" פון געסטאפא ווי אן אויפקלויבער פון אלט אייזן און מיט אט דעם לעגאליזאציע־סימן בין איך צוריק אוועק קיין אזיעראן, ווו עס האבן זיך נאך אויפגע־האלטן עטלעכע יידישע משפחות. דער אוקראינישער מיליציע־קאמענדאנט ווישינסקי פלעגט פון די דאזיקע יידן באקומען א פענסיע און פלעגט זיי ווא־רענען פאר די באזוכן פון געסטאפא. די יידן פלעגן זיך דאן צעלויפן איבער פעלדער־וועלדער און ווען די דייטשן זיינען אוועקגעפארן פלעגן זיי זיך אומ־קערן צוריק.

מ'לויפט אין פעלדער און וועלדער

אין יולי 1943 איז ארויס די גזירה פון „יידנ־ריין" און קיין שום יידן האבן זיך שוין לעגאל נישט געקענט באוועגן אויסער די פאר ארבעטס־לאגערן אונטער דער השגחה פון ס"ס. די יידן, וואס האבן אויסגעהאלטן ביז דעמאלט, האבן זיך איצט קאנ־צענטרירט אין די פאר וועלדער פון דער געגנט, בעיקר אין דער „דעמבינע". איך מיט מיינעם א שוואגער און נאך עטלעכע יידן האבן געפונען הילף ביי א לאנאוויצער פאלאק אדאמאווסקי. מיר האבן אים געצאלט כל זמן מיר האבן נאך עפעס פארמאגט, אבער ווען מיר זיינען פון אלץ בארויבט געווארן, האט ער אונדז אויך נישט פארלאזט — באזארגט אונדז מיט א מינימום שפייז. אן דער הילף פון קריסטן, בעיקר פון די אליין גע'רודפ'טע פאליאקן, האט כמעט קיינער ניט געקענט זיך ראַ־טעווען.

די באפרייאונג צו שפעט. קוים צענדלינגע געראטוועט

אין פרילינג 1943 איז אנטשטאנען אויפן פאל־ווארק דאבראניוווקע נישט ווייט פון לאנאוויץ אן ארבעטס־לאגער אויף צו האדעווען קאקסאגיס, א געוויקס, פון וועלכן מען האט אויסגעארבעט א סורא־גאט פון גומי. אין דעם לאגער האבן זיך קאנצענט־



דריי דורות פארטיליקט. די באבע דארא בערנשטיין איר טאכטער טויבע העלער און דאס אייניקל געניא. (די שוויגער, ווייב און קינד פון יוסיל העלער)

רירט לויטער מיוחסים — רבנים, אדוואקאטן, גוטס־באזיצער, צוו. אנד. זיינען געווען אין דעם לאגער יוסף קימעלמאן פון לאנאוויץ מיט זיין טאכטער פעפציא און איר זון, ווי אויך האנס און אניא פאהארילעס. איך האב געהאט מיין בונקער נישט ווייט פון דאבראניוועקע און פלעג מיך טרעפן אין די נעכט מיט מענטשן פון לאגער. דער קאמאנדאנט פון לאגער איז געווען פאראינטערעסירט, דער לאגער זאל וואס לענגער עקזיסטירן, ווייל דאס האט אים געשיצט פון גיין אויפן פראנט. ער האט זיך אויך באפריינדעט מיט די יידישע פערזענלעכקייטן, וואס האבן זיך געפונען אין דעם לאגער און געקענט גוט דייטש. דאס אלץ צוזאמען האט אבער גארנישט געהאלפן און קעגן סוף 1943 איז דער לאגער געווארן ליקווידירט — דער רוב פון די יידן אויסגעשאסן.

אין מערץ 1944 איז די געגנט געווארן פארנומען דורך דער רויטער ארמיי, די נאךביים לעבן געבליבענע יידן זיינען ארויס פון די באהאלטענישן.

אין גאנג פון די קריגס־געשעענישן איז אבער די סאוויעטישע ארמיי געווארן אויף א קורצער צייט צוריקגעשטויסן און ווער פון די יידן עס האט נישט באוויזן צו אנטלויפן מיט די רוסן אדער זיך פונס'ניי באהאלטן, איז ערשט איצט געווארן אומגעבראכט. איך האב באוויזן צו אנטלויפן מיט די רוסן, שפעטער בין איך צוריק געקומען אין דער געגנט און נאך א יאר האב איך געארבעט ביי די סאוויעטן אויף אן ענלעכן פאסטן ביי תבואה־ליפערונגען ווי פאר דער סאוויעטיש־דייטשער מלחמה. אין דער געגנט האבן דעמאלט גראסירט באנדעראווצעס, איך בין איינמאל אריינגעפאלן צו זיי אין די הענט, אבער איך בין ניצל געווארן.

1950 בין איך עולה געווען קיין ישראל. מיין פרוי האט א שוועסטער אין גיבתון, האבן מיר זיך באזעצט נישט ווייט פון איר, אין רחובות.

(פארצייכנט דורך רחל אויערבאך)

יצחק ניימן

דער אומקום פון אזיעראנער יוגנט

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האט זיך אין אזיעראן אנטוויקלט א שטארקע חלוצישע באוועגונג, עס זיינען אויפגעקומען פארשידענע ארגאניזאציעס, וואס האבן געהאט איין ציל: הכשרה און עליה. אין שטעטל האבן געלעבט ארום 1800 יידן, מערסטנס סוחרים, וואס האבן געהאנדלט מיט פויערן. אין די לעצטע יארן פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה האט זיך אנגעהויבן אן אנטיסעמיטישע אגיטאציע, עס האבן זיך באוויזן פיקעטן, מען האט גענומען ארגאניזירן פוילישע קאאפעראטיוון. יידישע סוחרים און האנטווערקער זיינען פאראַרעמט געווארן, מען האט געלעבט פון דער שטיצע, וואס אמעריקאנער קרובים האבן געשיקט. פון דער דאזיקער שטיצע איז אויך געשאפן געווארן א גמילת־חסד קאסע. די יונגע און פעיקערע האבן — נישט איינמאל לעבענדיק מיט ברויט און וואסער — גענומען זיך לערנען. דאס קליינע שטעטל האט ארויסגעגעבן א היפשן פראצענט יונגע אינטעליגענטן. א טייל פון זיי געפינט זיך איצט אין ישראל, ווי למשל די יוריסטן דוד בערמאן און צבי פענסטער, דער שרייבער מ. א. טענענבלאט און אנדערע. טייל זיינען ארויסגעפארן פון אזיעראן ווי חלוצים און געפינען זיך איצט אין קיבוצים, ווי למשל אין קבוצת־שילער.

איך האב געהערט צו דער ארגאניזאציע „ביתר", כ'האב דורכגעמאכט די הכשרה אין דער סביבה פון אזיעראן. אויך מיינע שוועסטער, פרומע און טויבע, זיינען געווען אין „ביתר". אין די יארן 1936־38 האט זיך אונדזער גאנצע משפחה געקליבן קיין ארץ ישראל. דער טאטע איז שוין געווען אונטערוועגנס מיט דער אומלעגאלער עליה, אבער צוליעב באטריגערישע מאניפולאציעס פון דעם אנפירער איז ער געווען געצוווּנגען צו בלייבן אין פוילן. אין די יארן 1939־40

בעת דער סאוויעטישער הערשאפט האב איך געארבעט ווי א בוכהאלטער אין קאנטאר פון די קאאפעראטיוון.

די דייטשן הויבן אן מיט גזירות, די אוקראינער מיט פאגראמען

בערך דע 8טן יולי 1941 זיינען די דייטשן אריין קיין אזיעראן. די פויערן האבן געמאכט פארגראמען אין די ארומיקע דערפער פילאטקאוויץ, זשי־לעניעץ, זיי האבן אויסגעהרגט די משפחות בלאנק, שעכטער (איינע פון שעכטערס טעכ־טער לעבט אין ישראל). עס איז באשטימט געווארן א „שפערגעביט" פאר יידן. יידן האט מען פארווערט צו קויפן שפייז אויפן מארק און אין די געוועלבער. בלויז איין געשעפט איז געעפנט געווארן, ווו מען האט יידן פארקויפט ראזעווע ברויט און ציבעלעס. די פויערן פלעגן ברענגען שפייז דורך די הינטער־שטע טירן און אינגיכן האבן זיי אויסגעליידיקט די יידישע דירות פון די בעסטע זאכן.

פוסטע האפנונגען, ביטערע אנטוישונגען

ביסלעכווייז האט מען זיך צוגעוווינט צו די צרות; געווען אפילו אזעלכע, ווי דער פוטער־סוחר דודיעלע שולבוים, וואס האט געטענהט: „ס'איז נישט אזוי שרעקלעך. די דייטשן מיינען נאר די רייכע יידן און אזוינע ווי מיר אין אזיעראן וועט מען לאזן לעבן".

אין יודענראט האבן זיך געפונען פארמעגליכע יידן. דער וויצע־פארזיצער, לייזער ריינשטיין, לעבט איצט אין אמעריקע. אן איידעלער מענטש האט זיך ארויסגעוויזן דער פארזיצער פון יודענראט, מענדל מייבערגער. ער האט נישט געוואלט חתמנען א באפעל ארויסצושיקן קיין בעלזשעץ די צונויפגעטריבענע יידן. איך בין געווען איינער פון די ווינציקע, וואס האבן זיך אקעגנגעשטעלט דעם יודענראט און דער יידישער מיליץ. דער יודענראט פלעגט שיקן די יוגנט אין די לא־גערן. איינמאל בין איך אנטלאפן פון זאמלפונקט, פאר וואס דער יודענראט האט מיך געקנסט מיט געלטש־טראף. געכאפט א צווייט מאל בין איך אנטלאפן פון וועג.



אומגעקומענע צוויי שוועסטער
(טעכטער פון הירש לייב איינהארן)

די ערשטע דייטשע אקציע.

סוכות 1942 האבן די דייטשן דורכגעפירט אין אזיעראן די ערשטע „אקציע". אירע קרבנות זיינען געווען מערסטנס עלטערע לייט. די געכאפטע האט מען פארלאדן אין וואגאנען. יאס זיינען געגאנגען אין דער ריכטונג פון בעלזשעץ. די יוגנט האט גע־ארבעט אין די לאגערן אין בארקיוויעלקע און סטופקי, א טייל יונגע לייט האט מען א־וועקגעשיקט אין צוואנג־ארבעטסלאגער אין גלענ־באטשעק. דאס דאזיקע לאגער האט געהערט צו דער ווערמאכט און האט פראדוצירט קאק־סאגיז, א רוישטאף צום פראדוצירן סינטעטישן קויטשוק. אן ענלעך לאגער איז געווען אין סווידאווע היג־טער טויסט (טלוסטע). מען האט געארבעט אונטער פרייען הימל פון באגינען ביז צום זון־אונטערגאנג. די באשפייזונג איז באשטאנען פון שווארצער נישט־געצוקערטער קאווע צוויי מאל אין טאג און פון א זופ מיט פענצאק אויף מיטאג. צווישן די 150 אסירים אין לאגער זיינען געווען פיל מיידלעך, בתוכם אויך מיינע צוויי שוועסטער. אויפן שטח פון פאלווארק האבן די אסירים זיך גערעכנט פאר פאלווארק־דינסט, מחוץ דעם דאזיקן שטח האט א מיליציאנט געקאנט דערשיסן יעדן באגעגנטן ייד. די וואך אין לאגער

האבן געהאלטן אוקראינער און געסטאפא־לייט: רעגענבאגען, בראון, קאמענדאנט פון דעם לאגער איז געווען שרומפירער שטענגעל.

איינמאל האט זיך אים אויסגעדאכט, אז איך געהער נישט צום לאגער, נאר איך בין א „וואלדיודע". האט ער געשאסן צו מיר, אבער נישט געטראפן. איך בין געלאפן איבער פעלדער אין זיגזאג ווי א האז און צום סוף בין איך אראפגעשפרונגען פון א פעלזיקן ברעג אין סערעט. אן אנדער מאל האט שטענגעל אויסגעשטעלט די אסירים אין א ריי און אויף קאטאוועס יעדן צוגעשטעלט דעם רעוואלווער צו דער שליף. ווען ער איז צוגעקומען צו מיר, האט ער געגעבן א דרוק אויפן צינגל, אבער דער רעוואלווער האט זיך פארהאקט. האט שטענגעל געזאגט: „דו האסט גליק, פערפלוכטער יודע!"

איינעם א טאג האבן מיטגלידער פון יודענראט מיט דער הילף פון דער ידישער און אוקראינישער מיליץ ארויסגעפירט פון לאגער די מערהייט אסירים און אוועקגעשיקט זיי אין צוואנגס־לאגער. די גרופע ניצול־געווארענע, אן ערך 45, איז פארבליבן אין לאגער אומלעגאל. זיי זיינען באהאנדלט געווארן ווי נישט־געצאלטע ארבעטער, קיין עסן האבן זיי נישט באקומען. דאס האט געדויערט ארום א האלב יאר.

אין דעם זעלבן לאגער האבן זיך געפונען רייכע אזיערענער ידן, וועלכע האבן פאר געלט וואס זיי האבן געגעבן די געסטאפא־לייט, גענאסן פון באזונדערע פריווילעגיעס. זיי האבן געהאט באזונדערע באהייצטע צימערן, האבן געפראוועט סעודות פאר געסטאפא־לייט און געשפילט מיט זיי אין קארטן. עס איז געקומען א צייט, ווען מען האט אויך זיי ארויסגעשיקט אין די אומקום־לאגערן.

צעריסענע דאלארס אויפן לעצטן וועג

איינעם א טאג האב איך באקומען א ידיעה, אז אין אזיעראן קומט ווידער פאר אן „אקציע". איך האב געוואלט וויסן, וואס ס'איז מיט מיין משפחה. האב איך מיך אדורכגעגנבט אין שטעטל אריין. עס איז געווען ווי אויסגעשטארבן. אויף די טירן זיינען געווען אויסגעקלעפט שמאלע פאפירענע שטרייפן מיט דער אויפשריפט „יודענריין". מיין משפחה האט זיך אפגעראטעוועט אין א באהעלטעניש אויפן בוידעם.

ווען איך בין צוריקגעגאנגען אין לאגער, האב איך געזען הינטער דער שטאט א סך צעריסענע דאלאר־באנקנאטן. דאס האבן יידן, געפירטע צום טויט, צעריסן אויפן וועג די לעצטע באנקנאטן, וואס האבן שוין פאר זיי נישט געהאט קיין שום ווערט.

נאכדעם ווי אזיעראן איז געווארן „יודענריין", האט מען קאנצענטרירט די יידן אין צוויי געטאס אין בארשטשוו און אין טויסט. קיין טויסט זיינען אריבער מיינע עלטערן און מיין שוועסטער נוסיע. אינגיכן זיינען ביידע געטאס ליקווידירט געווארן. פסח 1943 איז פארטיליקט געווארן דאס געטא אין בארשטשוו. אין טויסט זיינען פארגעקומען דריי „אקציעס" מיינע עלטערן און די שוועסטער זיינען אנטלאפן



מיניע וואלאך מיט איר טעכטערל הי"ד
(ווייב און קינד פון מרדכי וואלאך).

איבער די פעלדער. די פליטים פון די געטאס פלעגן ביי נאכט קומען אין לאגער פון גלענבאטשעק. די צאל אסירים האט געהאלטן אין וואקסן. צווישן זיי זיינען אויך געווען מיינע עלטערן און די שוועסטער.

אין איינעם א טאג האט זיך דורכגעריסן קיין גלענבאטשעק א גרופע קאלטשאקס פארטיזאנער. זיי זיינען דארטן געווען א טאג מיט א נאכט. מלא שמחה זיינען די יידן ארויס פון די בונקערס אויף די גאסן. אבער ווען די פארטיזאנער האבן זיך צוריקגעצויגן, האב איך שוין נישט געהאט ווו צו אנטלויפן. איך בין אריינגעפאלן אויפן צווינטער, כ'האב מיט בלויזע הענט ארויסגעריסן עטלעכע שטיינער פון א קבר און כ'בין דארט איבערגעלעגן עטלעכע טעג. איך האב

געפילט, אז עס דערנענטערט זיך אונדזער סוף. אין די לאגערן אין לאשקעוויץ און סווידאווע איז פארגעקומען א סיסטעמאטישע ליקווידאציע. אין א פינסטערער רעגן־נאכט אסיען־צייט האבן מיר זיך אוועקגעלאזט צו די וועלדער אין פיענקי צווישן אזיעראן און גלענבאטשעק.

אין די וועלדער האבן מיר געפונען פארבונקערטע יידן. די אוקראינישע מיליץ האט כמעט יעדן טאג ארומגעשטעלט בונקערס און אויסגעהרגעט די אויסבאהאלטענע. צבי פענסטערס פרוי און קינד האט מען געפונען אין א בונקער און געפירט זיי צום דערשיסן. די מיליצאנטן האבן געמיינט, אז זי איז טויט און זיינען אוועק*) די פליטים האבן ארומגעבלאנדזשעט איבער פעלדער און וועלדער, אבער אינערגעץ האבן זיי נישט געפונען קיין ארט אויף א בונקער. נאך עטלעכע טעג האבן זיי זיך אומגעקערט אויפן פאלווארק, אבער די וואך האט זיי אויפן באפעל פון „אבערלייטער" נישט אריינגעלאזט.

מיין העלדישע שוועסטער פרומע

אין יענער צייט האט די אוקראינישע מיליץ אנטדעקט א בונקער אין דער גראלניע (ברענעריי). אויסבאהאלטן האבן זיך דארט די משפחה גאטעסמאן פון אזיעראן, אביש אפפעלבוים מיט דער פרוי, קופציע אספיס און די משפחה מער, ס"ה ארום 40 אירע. מען האט זיי ארויס געפירט אויפן בארשטשווער צווינטער, בתוכם איז געווען מיין שוועסטער פרומע.

ווען מיר האבן זיך באגעגנט, פלעגט מיר פרומע זאגן: „נישטא קיין האפענונג איבערצולעבן, אבער שטארב ווי א מענטש. געדענק, צחאמען מיטן מערדער שטארב!" ווען מען האט זי ארויסגעפירט, האט זי געהאט אויף זיך א פעלצעל. זי האט עס נישט אוועקגעגעבן, ווען מען האט צוגענומען ביי יידן אלע פעלצן. ווען מען האט איר אויפן פלאץ געהייסן אויסטון עס, האט זי דערקלערט, אז זי וועט עס נישט טאן. דער אוקראינישער מיליציאנט האט געוואלט

*) פענסטער אליין באשרייבט דעם פאל גענויער און אויסענטיש אויף זייט 350 (העברייאיש).

אראפרייסן עס פון איר מיט כוח. דעמלט האט זי ארויסגעריסן די ביקס פון זיינע הענט און מיט דער קאלבע צעפלעט אים דעם קאפ. דערציילט האט עס מיר אן עד ראיה, דער פארוואלטער פון פאלווארק, קרוטשעק.

נאכן ליקווידירן דעם לאגער אין גלענבאטשעק אין די בונקערס אין וואלד בין איך פארבליבן מיט טאטע־מאמע און צוויי שוועסטער אין פעלד. ביי נאכט פלעג איך ארויסגיין נאך שפייז און וואסער. אזוי זיינען מיר איבערגעלעגן דריי חדשים ביז צום שניי. שפעטער זענען מיר אריבער קיין ליסאוועץ.

מ'שיסט אויס די יידן, מ'ליקווידירט די לאגערס

אין ליסאוועץ האבן מיר געטראפן אין פאלווארק א גרופע פון א 300 יידן. זיי האבן געארבעט אין פעלד און אין מאגאזין, קיין באשפייזונג האבן זיי נישט באקומען. עסן פלעגט מען אויסבעטלען ביי פויערן. אין ליסאוועץ איז געשטארבן מיין טאטע. איך האב אים מקבר געווען אין פעלד בסוד ביי נאכט. עס איז אויסגעבראכן א טיפוס־עפידעמיע. די קראנקע האט אוקראינישע מיליץ דערשאסן. 28 יידן, וואס האבן געארבעט ביים דרעשן, האבן געסטאפא־לייט דערשאסן.

אנהויב ווינטער 1944 האט געסטאפא ליקווידירט די לעצטע יידן אין די לאגערן. די וולאסאווצעס זיינען אריין קיין ליסאוועץ און האבן אויסגעמארדעט עטלעכע צענדליק יידן. איך האב געהערט, אז אין טויסט באשיצט דער „אבערלייטער" פאטי יידן פאר געסטאפא, בין איך אריבער אהין מיט מיין משפחה און דארט האבן מיר דערלעבט דעם 23־טן מערץ 1944, ווען די סאוויעטישע זעלנער זיינען אריין און די יידן זיינען ארויס פון לאגער, איבערלאזנדיק נאך 100 קרבנות פארברענטע אין די באראקן בעתן באמבארדירן דאס לאגער דורך די דייטשן.

איך האב באקומען ארבעט ווי א בוכהאלטער אין דער סטאניסלאווער באן־דירעקציע און כ'האב דארטן געוווינט מיט מיין משפחה ביז אפריל 1946. דעמלט זיינען מיר ארויסגעפארן קיין שטשעטשין און פון דארט נאך עטלעכע חדשים מיט דער ערשטער עליה קיין בערלין. אין דייטשלאנד זיינען מיר געווען אין טעמפעלהאפער לאגער, וווּ איך האב געארבעט ווי

א בוכאלטער אין לאגער־קאמיטעט. מיט דער ערשטער מאסן־עליה אין 1949 זענען מיר געקומען קיין ישראל. אינגיכן האב איך געפונען ארבעט אין מיין פאך. אין 1950־טן יאר האב איך חתונה געהאט. איך האב איצט צוויי מידעלעך, די 6 יאריקע אריאלה און די האלב־יאריקע אביבה. די מאמע און בײדע שוועסטער זיינען אויך אין לאנד. טויבע און נוסיע האבן חתונה געהאט און האבן קינדער.

7.11.1957

(עדות — פארצייכנט דורך ד״ר עליזה רבה)

בלומע ווײַנטרויב

בעסטיאַלישקייט פון פילאַטקאָוויצער פויערן

אין דארף פילאטקאוויץ נעבן אזיעראן האבן געוווינט 14 יידן. הגם זייער צאל איז געווען אזוי קליין, האט דער ארטיקער גלח געהעצט קעגן זיי די אוקראינישע פויערן. אין קלויסטער האט ער געהאלטן דרשות, אז אין אלץ זיינען שולדיק יידן. ווען די דייטשן זענען אריין קיין אזיערען האבן די פויערן פארשטאנען, אז זייער צייט איז געקומען. זיי האבן ארויסגעשלעפט פון די דירות אלע מענער — אויך זקנים און יינגלעך — און אוועקגעפירט זיי אין פעלד אריין. דארטן האבן זיי זיי אויסגעהרגעט אויף א בעסטיאלישן אופן. זיי האבן זיי פשוט צעהאקט מיט העק אויף שטיקער.

די משפחות פון די דערמארדעטע — די פרויען און טעכטער — זיינען דאן אריבער קיין אזיעראן. אויך אין דארף זשילעניץ האבן די אוקראינישע פויערן געמאכט א פאגראם. צווישן אנדערע האבן זיי דערהרגעט נוסענבוימען און זיין זון, דער צווייטער זון איז אנטלאפן.

די "אקציע" אין אזיעראן

פונקט דעם ערשטן טאג סוכות אין 1942־טן יאר איז אין אזיעראן פארגעקומען די ערשטע „אקציע". פריער האט מען אויף די טירן פון הייזער, ווו יידן האבן געוווינט, אנגעצייכנט א בלויען מגן דוד. מיר האבן געהאט א פארגעפיל, אז קיין גוטס וועט דערפון נישט ארויסקומען. איך ווייס נישט פאר וואס מען האט אין די זעלבע הייזער אויף די טירן פון קריסטלעכע דירות אנגעצייכנט א רויטן מגן דוד.

ווען די „אקציע" האט זיך פארענדיקט, זיינען מיר ארויס פון די באהעלטענישן וואהין ס'האט אונדז פארהאלפן דוקא אן אוקראינישער מיליציאנט. מען האט דעמלט אויסגעהרגעט א סך יידן, עטלעכע הונדערט האט מען ארויסגעפירט קיין בעלזשעץ, געזונטע מענער האט מען אוועקגעשיקט אויך אין יאנאווער לאגער קיין לעמבערג.

אין די לעצטע טעג דעצעמבער 1942 האבן די דייטשן פארארדנט אין געטא א בלאקאדע. יידן האבן נישט געטארט ארויס אין גאס אפילו נאך וואסער פון ברונעם. דאס האט געדויערט עטלעכע טעג. א ייד, וואס איז ארויס אין גאס נאך א ביסל וואסער, האבן די דייטשן דערשאסן ביים ברונעם.

דער "זיסער טויט" — די פסח־"אקציע"

פאר יעדער „אקציע" פלעגן די דייטשן פאנאנדערטיילן צווישן יידן מארמעלאד און צוקער. תחילת האבן מיר נישט פארשטאנען זייער כוונה, אבער שפעטער, ווען מיר האבן זיך איבערגעצייגט, אז נאך יעדער פארטיילונג פון צוקער און מארמעלאד איז אין א קורצער צייט פארגעקומען אן „אקציע", האבן מיר געזאגט: אט דערנענטערט זיך שוין „דער זיסער טויט".

אזוי איז אויך געווען פאר פסח 1943. פונקט פסח איז אויסגעפאלן אין בארשטשווו א יריד. אזוי ווי דער הויפט־שטראז האט געפירט דורכן געטא, איז דער וועג געווען פול מיט פויערן. פלוצום ארום 12 א זייגער מיטאג איז אויסגעבראכן די „אקציע". ווען עס האט זיך אנגעהויבן די שיסעריי, זיינען די יידן

ארויסגעלאפן פון די הייזער און האבן זיך אויסגעמישט מיטן המון פויערן. די פויערן האבן נישט געקענט אלע יידן פון געטא און אין דער בהלה האבן די דייטשן נישט געקאנט אונטערשיידן צווישן פויערן און יידן. אדאנק דעם זיינען א סך יידן ניצול געווארן.

מיין מאמע האט געהאט צוגעגרייט פאר אונדז א בונקער אונטערן פענסטער פון אונדזער דירה. אין בונקער האבן געקענט אריין 15 אירע, געגראבן האט מען אים א סך נעכט. אבער אין דער נאכט פאר דער „אקציע" איז מיר געקומען צו חלום דער טאטע ע"ה און קוקנדיק אויפן בונקער אונטערן פענסטער האט ער געזאגט: „דערדאזיקער בונקער געפעלט מיר נישט". איך האב דערציילט דעם חלום דער מאמען און ווען די „אקציע" האט זיך אנגעהויבן, האט די מאמע נישט געוואלט אראפ אין בונקער. שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, אז עמעץ האט פארמסרט דעם בונקער פאר די דייטשן און די 15 אויסבאהאלטענע יידן האט מען פון דארטן ארויסגעשלעפט.

יידן גראבן א מאסן-קבר אין טייכן פון ברידערס בלוט

מיר זיינען דעמלט אנטלאפן אין וואלד אריין. אינאיינעם מיט אונדז זיינען געלאפן א סך יידן. די דייטשן האבן געשאסן און איך האב געזען, ווי ארום זיינען געפאלן מענטשן. אין וואלד זיינען מיר פארבליבן צוויי טעג. צוריקקומענדיק אין געטא זיינען מיר געוואר געווארן, אז איבער 40 מענטשן פון אונדזער משפחה זיינען אומגעקומען. סך הכל זיינען אומגעקומען 1200 יידן. די וואס זיינען געבליבן לעבן, האבן דערציילט, אז די קברים האבן נישט געקאנט אריינגעמען אזוי פיל מתים און דעריבער האבן די דייטשן באפוילן די יידן צו גראבן גרעסערע גריבער פאר די דערמארדעטע. גראבנדיק זיינען יידן געשטאנען ביז איבער די קני אין בלוט. מען האט דערציילט, אז עס זיינען אויך פארגראבן געווארן פארוואונדעטע. פון די לעבעדיק באגראבענע האט זיך אפגעראטעוועט דעם שוחט'ס טאכטער י ע נ ט ע ש ע כ ט ע ר. איך האב מיך געטראפן מיט איר נאך דער באפרייאונג און זי האט מיר דערציילט איר געשיכטע.

די מערדער האבן געהייסן יענטען אוועקשטעלן זיך אויף א ברעט איבערן קבר און האבן געשאסן צו איר. געטראפן האבן זיי זי אין אויג. פאר פחד איז זי אראפגעפאלן אין קבר אריין. ביי נאכט איז זי געקומען צו זיך און האט דערזען, אז זי ליגט צווישן מתים. מיט שווערער מי האט זי זיך אויסגעגראבן פון אונטער זיי און א נאקעטע מיט א דורכגעשאסן אויג האט זי זיך צוגעשלעפט צו עפעס א כאטע. די אלטישקע, וואס איז דארט געווען, האט זי אריינגענומען אין שטוב, געפלעגט זי און אויסבאהאלטן ביז צו דער באפרייאונג. יענטע האט מיר געוויזן דאס גלעזערנע אויג, וואס זי האט זיך געלאזט אריינשטעלן נאך דער מלחמה.

נאך דער פסח־„אקציע" און נאך א צווייטער „אקציע" אין חודש יוני 1943 זיינען געבליבן לעבן עטלעכע צענדליק יידן, וועלכע מען האט צונויפגעטריבן אין עטלעכע הייזער.

די באציאונג פון טייל פוילישע פויערן צו יידן

יוני 1943 האט זיך אנגעהויבן די ליקווידאציע פון בארשטשעווער געטא. איך האב מיך אויסבאהאלטן מיט נאך 6 אירע אין א בונקער. פיר טעג זיינען מיר געזעסן אן עסן און אן וואסער. צום סוף האבן מיר שוין נישט געקאנט אויסהאלטן און מיר זיינען ארויס פון בונקער. אויבן אין דער שטוב האבן מיר שוין קיינעם נישט געטראפן, נאר פעדערן זיינען ארומגעלעגן געדיכט אויף די פאדלאגעס. פלוצים האט זיך ביים אריינגאנג פון הויז באוויזן א פאטראל פון דער אוקראינישער מיליץ. איך, נאך א מיידל און א ייִנגל האבן באוויזן אראפצושפרינגען אין בונקער. די איבעריקע זיינען געבליבן און אלע זיינען אומגעקומען. ווידער האבן מיר עטלעכע טעג גארנישט געגעסן. צום סוף האבן די מיליציאנטן אנטדעקט אונדזער בונקער. פלוצים האבן מיר דערהערט קולות און עמעץ איז אראפגעשפרונגען אין טונעל, וואס האט געפירט צום בונקער. דער טונעל איז געווען זייער א שמאלער און דעם מיליציאנט איז שווער געווען אדורכצוררייסן זיך צו אונדז. נישט זעענדיק אין דער פינסטער דעם מיליצאנט, האב איך אים אנגעהויבן צו בעטן, אז ער זאל אונדז שענקען דאס לעבן. ער האט זיך מרחם געווען, איז ארויס פון טונעל און מיר האבן געהערט, ווי ער האט אויבן געזאגט: „זיי זיינען שוין דארט אויסגעפגרט".

אויף צומארגנס האט דאס מיידעלע, וואס האט זיך אויסבאהאלטן מיט מיר, ארויסגערוקט זיך א ביסל פון בונקער. עס האט זי, ווייזט אויס, עמעץ באמערקט, ווייל איך האב געהערט א קול: „האב נישט מורא, מיידעלע, זאג מיר נאר, ווו בלומטשע איז". דאס האט א פוילישער פויער פון אזיעראן, פ י ע ל י ך, געפרעגט זיך אויף מיר. איך האב געוווסט, אז פון זיין זייט זענען מיר נישט אויסגעשטעלט אויף קיין שום סכנה. פיעליך האט זיך פארנומען מיט גורלטרעפן און די מאמע פלעגט אמאל אריינקומען צו אים. ער איז געווען א זעלטן גוטער מענטש. ער האט מיך ארויסגענומען פון בונקער און אריבערגעפירט צו דער מאמען מיינער, וואס האט זיך אויסבאהאלטן ביים פוילישן פויער ג א נ ס י א ר א ו ו ס ק י. דאס האט די מאמע געבעטן פיעליכן, אז ער זאל מיך אויסגעפינען.

גאנסיאראוווסקין האבן אלע גערופן „יידנפריינט".

ער האט אויסגעגראבן א בונקער אונטער דער קאריטע און דארטן האט ער אין משך פון ניין חדשים אויסבאהאלטן מיין מאמע, די שוועסטער חנה, מיך און צוויי שוועסטער ו ו א ל א ך פון אזיעראן. ווען איינמאל זיינען אוקראאינישע מיליציאנטן געקומען און האבן גאנסיאראוווסקין צוגעשטעלט צו דער וואנט, סטראשענדיק אים צו הרגנען, אויב ער וועט נישט אויסגעבן די יידן, האט ער געזאגט: „זוכט, ביי מיר זיינען קיין יידן נישטא". גאנסיאראוווסקי האט אונדז געגעבן גוט צו עסן און אין די געפערלעכסטע מאמענטן, ווען די דייטשן זיינען צוריקגעקומען און די שיסעריי האט נאך געדויערט, איז ער געקומען צו לויפן מיט עסן. שפעטער זיינען מיר געוווירי געווארן, אז ער האט אויסבאהאלטן נאך זעקס יידן און אן אנטלאפענעם רוסישן געפאנגענעם.

15.12.1957

(עדות, פארצייכנט דורך ד"ר עליזה רבה)

נאך א פאגראם פארטריבן אין געטא־טלוסטע

(לאשקעוויצער עדות)

צילה קימעלמאן־חנין (חדרה) דערציילט:

נאכן אויסברוך פון דער סאוויעטיש־דייטשער מלחמה און נאכן סאוויעטישן ריקצוג איז אין לאשקיעוויץ פארגעקומען א פאגראם, ארגאניזירט אונטערן פרעטעקסט פון נקמה נעמען פאר די געהרגעטע ארעסטאנטן, וואס די סאוויעטן האבן ביים אפטרעטן געלאזט אין דער טשארטקאווער תפיסה. וויפל יידן עס זיינען דעמלט געווארן אין לאשקיעוויץ געהרגעט קאן איך נישט אנגעבן. איך האב מיך דעמלט באהאלטן מיט דער מאמען און דעם קלענסטן ברודערל אין דעם בעטאנירטן אפגוס פון דער שטאל, דער טאטע האט זיך פארשטעקט אויף א בוידעם, און אזוי זיינען מיר דעמלט ניצול געווארן. נאך אט דער ערשטער „אקציע" האבן מיר באקומען פון די אוקראאינער א ווארנונגס־בריוו, אז מיר זאלן זיך ארויסקלויבן פון לאשקיעוויץ און מיר האבן זיך ארויסגעצויגן קיין טלוסטע. אויך אנדערע יידן האבן באקומען אזעלכע בריוו פון ארטיקע אוקראאינער און זיי זיינען ס'רוב אוועק, ווער קיין טויסט, ווער קיין טשארטקאוו און אין אנדערע ערטער. מען האט געקענט מיטנעמען אביסל זאכן.

מיר האבן זיך באזעצט אין טויסט, געלעבט פון פארקויפן זאכן, צוביסלעך געארבעט אין די שכנותדיקע פאלווארקעס, וואס זיינען געווארן פארוואלטעט דורך דייטשן. דער דייטשער אבערלייטער פון אלע לאנדווירטשאפטלעכע ארבעט־לאגערן האט געהייסן פ א ט י. ער איז געווען א פאלקס־דייטש, זיך האלבוועגס לייטיש באצויגן צו „זיינע" יידן און ער האט זיך באמיט ווי ווייט מעגלעך נישט אויסצוליפערן זיי אין די אקציעס. אפשר האט ער דאס געטאן דערפאר וואס עס האט געהאט א יידישע פריינדין, וועלכע האט געוווינט מיט אים אין טויסט. זיינע אינטערווענצן האבן פונדעסטוועגן נישט באוויזן צו פארהיטן די יידן פון אקציעס.

הונדערטער יידן דערשאסן אויף א פאלווארק

זומער 1943 איז פארגעקומען אן אקציע אויפן



לאשקעוויץ, פאמיליע גאלדשטיין — אומגעקומען
(דריי געראטעוועטע טעכטער אין ארץ־ישראל)

פאלווארק ראזשאנוווקע. מען האט דעמלט עטלעכע הונדערט מענטשן געשאסן אויפן ארט. געבליבן לעבן זיינען די, וואס האבן זיך באוויזן צו באהאלטן, אדער אנטלויפן. עס איז געווען נישט קיין סעלעקציע, נאר א כאפעריי.

אין דער ערשטער צייט האב איך געארבעט אויף דעם פאלווארק קאזיא גורא, דער טאטע

אין ראזשאנוווקע, געוווינט האבן מיר אין טויסט. איינמאל איז די מאמע אוועק אין א דארף פארזארגן עסן פאר אונדז — עס איז דעמלט געווען ווינטער אנהויב 1943 — און מער איז זי נישט צוריקגעקומען. א פנים אויפן וועג געהרגעט. דעם עלטערן ברודער שלום האט מען צוגענומען אין דעם לאגער באר קי וויעלקיע נעבן טארנאפאל צו ארבעטן ביים בויען א שאסיי און דארט איז ער אומגעקומען אין יאר 1943. ער איז געווען עלטער פון מיר מיט אנדערהאלבן יאר. איך בין געבליבן בלויז מיטן טאטן און מיטן קלענערן ברודער. מיר האבן זיך איצט אלע דריי אריינגעקליבן קיין ראזשאנוווקע, ווו ס'איז אונדז געלונגען יעדעס מאל זיך ארויסדרייען פון די אקציעס און ווייטער בלייבן ארבעטן, ביז מיר זיינען אין חודש מערץ 1944 געווארן באפרייט.

נאכן ערשטן אריינקומען פון די רוסן זיינען נאך פארגעקומען קריגס־געשעענישן. יידן האבן זיך אין דער לעצטער פאזע קאנצענטרירט אין טויסט און עטלעכע הונדערט יידן זיינען דארטן געפאלן פון א דייטשער באמבארדירונג. עס זיינען אויך געבליבן אינוואלידן. דערנאך האבן זיך די רוסן אויף א שטיקל צייט ווידער צוריקגעצויגן. עס האט געדראט צוריק אריינצופאלן אין דייטשע הענט, זיינען יידן געלאפן אין פארשידענע ריכטונגען. איך מיטן טאטן און מיטן ברודער האבן אנגעשפארט אין רימאלאוו און סקאלאט און מיר האבן שוין מער קיין דייטשן נישט געזען.

17.9.1956 (פארצייכנט דורך רחל אויערבאך)

אזוי זענען אומגעקומען די לאנאוויצער יידן

(עדות און איבערלעבענישן פון ריווציע נאגלער)

רבקה — ריווציע איז געבוירן 1905 אין דארף לאנאוויץ אין גאליציש־פאדאליע, וואס איז נאענט פון איין זייט צו דער רוסישער און פון דער צווייטער זייט צו דער רומענישער גרענעץ. איר פאטער בערל נאגלער איז געווען דער זון פון איציק הערשן. זיין עלטערער ברודער מאיר נאגלער, א תלמיד חכם, איז געווען דער בעל קורא אין מיין זיידנס קלויז, וואס האט

זיך צוזאמען מיטן זיידנס וווין־הויז געפונען זייער נאענט צו דער גריכיש־קאטוילישער צערקווע. אין דער נאענט האט זיך אויך געפונען דאס הויז פון פוילישן פאסט־מייסטער ראגאווסקי. אויך בערל נאגלערס שטוב איז געווען אויף דער זעלבער גאס, נאענט צו דער אוקראינישער „זאכאראנקע״, א הויז פון די באזיליאנער נאנעס, וואס זיינען געווארן אויס־

געהאלטן אין דארף דורך דער פירשטן ס א פ י ע ה א, צו וועלכער עס האט געהערט דאס לאנאוויצער גוט און א סך אנדערע גיטער אין דער געגנט.

אליין געבוירן אין לאנאוויץ, געדענק איך די גאנצע משפחה פון ריווקיען און די גוישע און יידישע שכנים זייערע. עס איז וויכטיק צו קענען דעם שטא־פאזש, כדי צו האבן א באגריף וועגן דעם פאן, אויף וועלכן עס האבן זיך אפגעשפילט די געשעענישן, וועלכע ריווקיע שילדערט.

ריווקיעס מוטער ש י י נ ד ל פון דער היים ק ע ר נ ע ר איז געווען א ווייטע קרובה פון מיין מאמען. ריווקיעס טאטע, בערל נאגלער האט גע־האנדלט מיט „פי" געקויפט שטאלן צו מאסטן, גע־ליפערט אקסן אויף עקספארט. דער משפחה איז שפע־טער גוט געגאנגען. זיי האבן געהאלטן אין פאכט א פאלווארק.

ריווקיע האט געענדיקט די פויליש־אוקראינישע פאלקס־שול אין לאנאוויץ און אויך „געלערנט פרי־וואט" ביי לערערס, וועלכע מען פלעגט באציען ס'רוב פון טארנאפאל און מען פלעגט זיי אויסהאלטן מיט שותפותדיקע כוחות פון די יידישע משפחות אין דארף. ביי איינעם פון די לערערס, וועלכע ריווקיע דערמאנט און וועלכער איז געווען אין לאנאוויץ אין אנהויב פון די צוואנציקער יארן, (ער האט געהייסן בלאדער) האב אויך איך געלערנט.

פאר דעם קריג איז ריווקיע געווען פארלאבט מיט איר געשוועסטערקינד, מאיר נאגלערס זון, דעם ווילקענעוודיקן און באלזנעם פ י י וו י ש נ א ג־ל ע ר, וועלכער איז געווארן דערמארדעט דורך די דייטשן. נאך דער מלחמה האט זי חתונה געהאט מיט ב ע ר נ א ר ד־ב ע ר ל ק ר ע מ ע ר, א רימער פון בארשטשוו. מיט דער עליה פון יאר 1950 זיינען זיי אנגעקומען פון נידערשלעזיע קיין ישראל. זיי לעבן אצינד אין יד אליהו און זיינען זיך מפרנס בכבוד פון לעדער־אויסארבעטונגען פאר גאלאנטעריע־פירמעס אין תל־אביב און סביבה.

* * *

די גרויסע צרות האבן זיך אנגעהויבן אין לאנא־וויץ ערשט אין דער איבערגאנגס־צייט צווישן דעם סאוועטישן ריקצוג און איינמארש פון די דייטשן (קודם אונגארן). די אוקראיניש־פאשיסטישע עלעמענ־טן האבן ארגאניזירט אין פארשידענע געגנטן פון מזרח־גאליציע, גרויליכע שחיטות פון דער יידישער באפעלקערונג, בפרט אין די דערפער און קלענערע ישובים און בעיקר אויף די מענער. די לאנאוויצער יידן, פונקט ווי די אזיעראנער יידן זיינען דעמלט דערוויל ניצל געווארן דורך דער אינטערווענץ פון מעסיקע אוקראינישע פאטריאטן, וועלכע האבן מיט כלרליי אויסריידן א ו י פ ג ע ה א ל ט ן דעם איבער־פאל אויף די יידן ביז עס האבן ארייננעמארשירט די אונגארישע אפטיילן.

(דער אדוואקאט נאגל פון „עמידר", וועלכער שטאמט פון טשערנאוויץ האט באקומען אין יאר 1941 ידיעות פון אוקראינישע קרייזן, אז די שחיטות אויף יידן אין די ניי־באזעצטע מערב־אוקראינישע געביטן זיינען געווען א פונקט אין דייטש־אוקר־אינישן אפמאך, וועלכער איז געשלאסן געווארן פארן איבערפאל אויפן ראטן־פארבאנד מיט די עמיג־ראנטישע אוקראינישע פאקטארן אין בערלין. א פרט אין ר. נ. שילדערונג שטיצט אונטער די ריכטיקייט פון דער דאזיקער אינפארמאציע).

די סאמע גרויליקסטע שחיטה פון בארשטשעווער קרייז איז פארגעקומען אין דארף זשילעניץ Zielince ווו אלע יידישע מענער זיינען אין א נאכט ארויסגע־נומען געווארן פון די בעטן און מיט א שוידערלע־כער בעסטיאליטעט דערמארדעט אין נאענטן וואלד.

נאכן אויסמיידן די דאזיקע סכנה איז דאס לעבן פון דעם איבער הונדערט־קעפיקן יידישן ישוב אין לאנאוויץ און אין דעם שוועסטער־ישוב קאזאטשיזנע Kozaczyzna אוועק פון צרה צו צרה, צווישן סכנות און גזירות, ביז אנהויב זומער 1942, ווען די לאנא־וויצער יידן האבן זיך געמוזט איבערזידלען אין איינעם פון די נאענטע צוויי שטעטלעך אזיעראן אדער בארשטשווו.

די נאגלערס זיינען אריבער קיין בארשטשוו. דעם טראגישן סוף פון דער גאנצער משפחה דער־ציילט ריווקיע אליין מיט אלע פרטים.

ריווקיעס שילדערונג איז זייער פרעציז און זאכלעך. דאס קוואליפיצירט זי אלס א פאראנטווארט־לעכן, ווערטפולן עדות.

איך האלט פאר נויטיק צו באמערקן, אז דאס אויפמישן די פרשה פיין און אומקום פון דער עדה

לאנאוויצער יידן, וואס דער רוב פון זיי זיינען נאענטערע און ווייטערע קרובים מיינע אדער ריווציעס, האט אונדז ביידע גורם געווען א סך צער. מיר האבן דאס געטאן, ווייל מיר ווילן אויפהיטן דעם לעצטן שפור פון אונדזערע טייערע און ליבע.

ר. א.

ריווציע דערציילט:

נאכן ארייננמארש פון די סאוויעטן האבן מיר אביסל מורא געהאט. מיר האבן זיך גערעכנט פאר שטיקלעך „פאמיעשטשיקעס" צוליב דעם, וואס מיר האבן געהאלטן אין פאכט בלישטשענקע, אבער אזויווי דער פילווואריק האט זיך געפונען אין זאלישטשיקער פאוויאט, איז אונדז דאס אפגעלאפן בשלום. קיינער האט אונדז נישט געטשעפעט. איך בין אריין ארבעטן אין דעם מילך־קאאפעראטיוו, פערל האט געארבעט אין דעם מלוכה־געוועלב, וואס האט זיך געפונען אויף דער שליאכטע.

אויך מיינע צוויי ברידער האבן באקומען ארבעט ביי די סאוויעטן. נישט אלע יידישע גוטס־פעכטער פון אונדזער געגנט האבן אזוי גוט אפגעשניטן. משה דוד פעלדשוס טעכטער מיט זייערע קינדער האט מען אלע ארויסגעפירט אויף סיביר און בלויז צוויי פון זיינע אייניקלעך זיינען פון דארט ארויס מיטן לעבן. אויך אויפן ארט האבן נישט געפעלט קיין צרות אין די סאוויעטשע צייטן און ווען עס איז אויסגעבראכן די מלחמה צווישן רוסלאנד מיט דייטשלאנד, האבן זיך די יידן אין לאנאוויץ אין ערשטן מאמענט נישט אפגעגעבן קיין רעכנשאפט מיט וואס דאס שמעקט. די מער פארמעגלעכע, וואס האבן אין דער סאוויעטישער צייט געליטן שאדנס, האבן זיך אפילו איינגערעדט, אז עס קאן איצט קומען אן ענדערונג צום גוטן. דעם אייגנטימער פון דער מיל יהודה נאכטס טעכטער האבן ממש געטאנצט אויף דער גאס פאר שמחה, וואס מען איז פטור געווארן פון די „רויטע". ביי אזא שטימונג איז קיין וונדער נישט, וואס די יוגנט האט זיך נישט געאיילט צו אנטלויפן מיט דער רויטער ארמיי.

די „גוטע שטימונג" איז באלד אוועק. דער קאזאטשינער „פאליטיקער" הלאדקי און אלעקסע קורניצקיס זון פון דער שולהאניוועקע האבן געגרופן א פארזאמלונג און געהאלטן רעדעס, אז איצט וועט ווערן געשאפן מיט דער הילף פון דייטשלאנד א „סאמאסטינע" (זעלבשטענדיקע) אוקראינע און אז די ערשטע זאך, וואס מען וועט דארפן טון, איז פארניכטן די יידן מיט די פאליאקן.

און באלד איז טאקע געקומען די וויסטע און פינסטערע בשורה פון זשילעניק און פילאטקעויק. אין יעדן פון אט די צוויי שכנות'דיקע דערפער האבן געוווינט א 10־15 יידישע משפחות, וועלכע האבן געהאט קרובים אין אזיעראן און אויך אין לאנאוויץ. דארט האט צווישן אנדערע געוווינט די משפחה פון יהודה נאכט. די מעשה איז פארגעקומען נאכן ריקצוג פון די רוסן, בשעת די דייטשן זיינען נאך נישט געהאט אריינגעקומען. שבת צונאכטס האט דער זשילעניצער גלח י"ש צונויפגערופן די גויים און ארויסגעגעבן א באפעל צונויפצוטרייבן אלע יידישע מענער און זיי ארויספירן אין זשילעניצער וואלד. מען האט די יידן ארויסגעשלעפט פון די בעטן. א טייל פון זיי זיינען געווען אין דער הוילער וועש. א מחנה גויים מיט שטעקענעס, מיט מעסערס, מיט אייזנס, האבן זיך געווארפן אויף די יידן, זיי אנגעהויבן שלאגן שטעכן מיט מעסערס, און מימיתן. א טייל יידן האט מען צוגעבונדן צו ביימער און אזוי לאנג זיי געפייניקט ביז זיי האבן געלאזט די נשמה. צווישן די געהרגטע האט זיך געפונען א ייגגל פון אזיעראן, וואס איז געווען א לערער פון יידישע קינדער אין זשילעניץ און פילאטקעוויץ. זיין פאטער האט אים דערנאך ארויסגעצויגן פון דעם מאסן־קבר, האט ער אנגעציילט אויף זיין לייב עטלעכע און צוואנציק מעסער־שטעך.

נאך דער שוידערליכער ידיעה וועגן זשילעניץ איז אויף יידן אין לאנאוויץ אנגעפאלן אזא שרעק, אז זיי האבן אנגעהויבן נעכטיקן אין כלערליי באהעלטענישן אין פארבארגענע ווינקלען. מיין טאטע מיט די ברידער און אמאל מיר אלע, די גאנצע משפחה, פלעגן זיך פארגנבנען הינטערארומעט אויפן הויף פון דער זאכאראנקע (נאנען־הויז). דארט איז אמאל געשטאנען א גרויסער בנין אונטער וועלכן עס איז געבליבן א נישט פארשיטער, מיט גרעזער און בורינעס פארוואקסענער קעלער. אט אין דעם קעלער האבן מיר גענעכטיקט נישט איינ־

מאל. די גאנעס האבן זיך צו אונדז זייער לייטיש פאר־האלטן. זיי האבן אונדז געגעבן עצות ווי אזוי זיך צו פארשטעקן. מיר זענען פון תמיד אן געווען מיט זיי גוטע שכנים. מיר האבן זיי אויך איבערגעגעבן צו באהאלטן אביסל זילבער. די זילבערנע לייכטער האבן זיי אוועקגעטראגן אין דער צערקווע און נאך דער מלחמה האבן זיי מיר מיט דער שוועסטער אלצ־דינג אפגעגעבן צוריק.

אויך דער לאנאוויצער גלח האניאוווסקי האט זיך גאנץ אנשטענדיק פארהאלטן צו די יידן. אים האבן מיר אייגנטליך געהאט צו פארדאנקען, וואס עס איז מיט אונז נישט געשען דאסזעלבע, וואס מיט די זשילעניצער יידן. אין דער איבערגאנגס־צייט צווישן דעם ריקצוג פון די רוסן און אריינמארש פון די מאדיארן זענען אויך צו אים געקומען די פאליטישע קאכלעפל און געפאדערט פארוואס ער גיט נאך נישט ז'עם „צייכן" *). דער גלח האט געענטפערט, אז עס איז נאך נישט געקומען די צייט און ווען די צייט וועט קומען וועט ער שוין געבן דעם סיגנאל. גלייכ־צייטיק האט ער געלאזט וויסן די יידן, זיי זאלן זיך פארשטעקן, נישט נעכטיקן אין דער היים.

דער זעלבער גלח האניאוווסקי האט אויך גע־האלפן פייבישן (מיין חתן און קוזין) ווען מען האט אים פארמסרט פאר די דייטשן, אז ער איז געווען א לערער ביי די סאוויעטן און ער האט שוין געהאט באקומען א צעטל זיך צוצושטעלן אין דער גע־מיינדע. ער איז געווען באפריינדעט מיטן גלח'ס זון באהדאן און געוווסט אין די סאוויעטישע צייטן פאר־שידענע סודות פון זייער טעטיקייט אין דער אנטי־סאוויעטישער אונטערערד. פייביש איז איצט אוועק צו זיי זיך באהאלטן און ער איז דארט געווען פאר־שטעקט עטלעכע וואכן. מען האט אים זייער פיין בא־האנדלט און דער גלח האט געהייסן מען זאל אונ־טערשאבן דאס געבעקס, וואס איז געווען געבאקן אויף חזיר־פעטס, כדי עס זאל אים נישט זיין דער־ווידער צו עסן... ווען מען האט אין דארף אנגעהויבן צופיל פלוישן. אז פייביש איז באהאלטן ביים גלח, האט אים באהדאן באהאלטן אין א וואגן מיט שטרוי און אים ארויסגעפירט קיין בארשטשווו.

*) חארשיינלעך האנדלט זיך דא חעגן קלינגען אין די קלויסטער־גלעקער, וועלכע זענען אין פארשידענע ערטער געחען דער צייכן פאר אנהויבן די אין אפמאך צחישן די עמיגראנטישע אוקראאינישע מנהיגים און היטלער־דייטשלאנד באשטימטע ערשטע, אלגעמיינע פארגראמען אויף יידן. (ר. א.)

יאסיע קימעלמאן פלעג זיך אין דער צייט פאר־שטעקן אין די נעכט אויף דער גומנע צווישן די תבואה־סטויגן פון די ראגאווסקיס".

זיך צערעדט וועגן הילף, וואס א טייל פויערן האבן געגעבן די יידן, דערמאנט ריווציע די שנור פון סעמקע טשאפיק — אונדזערן א שכן, וואס האט געווינט אנטקעגניאיבער אונדזער שטוב אויף דער גאס, וואס מען האט גערופן שולהאניוקע. די פויערטע האט געהייסן סאפיע, געווען אן אלמנה. א דאנק איר' הילף האט זיך אפגעראטעוועט אן אייניקל פון מאיר נאגלער, בריינציעס זון ראובן, וועלכער געפינט זיך אין ישראל און וווינט אין תל גיבורים. גלייכצייטיק באטאנט ריווציע, אז אויב העלפן, האבן דער עיקר געהאלפן פאליאקן, וועלכע זיינען אליין געווען אין א סכנה און טאקע צום סוף געווארן ס'רוב אויסגע־מארדעט דורך די באנדעראווצעס מיט דער הילף



מונדיק־מאיר און לוסיא־צירל אויערבאך הי"ד
(ברידערס קינדער פון רחל אויערבאך, אומגעקומען
אין לעמבערג)

פון דיזעלבע אוקראינישע רעדל־פירער, וועלכע האבן גערודפט און אויסגעליפערט די יידן. פון די סאמע ערשטע טעג פון דער דייטשער אקופאציע וויסט נאך ריווציע צו דערציילן א גראנדיעזן עפיזאד פון יידישע מארטיראלאגיע, וואס זי האט צוגעזען — דעם מארש פון די אונגארישע יידן, וועלכע זיינען איבערן הויפט־טראקט פון אונזער קאנט געטריבן געווארן צופיס קיין קאמיעניעץ פאדאלסקי. דאס זיינען געווען די כלומרשטע פוילישע בירגער, וואס הארטי האט אויסגעליפערט די דייטשן.

....ריווציע דערציילט:

„דאס בילד וועל איך ביז אין טויט אריין נישט פארגעסן. עס איז געווען שוין בערך א 6 וואכן נאכן אויסברוך פון דער דייטש־סאוויעטישער מלחמה. מען האט געלעבט אין שרעק, אבער דאך פלעג מען בייטאג זיך ארומדרייען, זיך טרעפן מיט אנדערע יידן. עס זיינען ביי אונדז אין שטוב געווען א פאר מענטשן, ווען מיר האבן פלוצים דערהערט פון שטראז א שרעקלעכע שיסעריי. אלע האבן זיך אנגעהויבן צו צעלויפן, זוכן א באהאלטעניש. גויאישע שכנים האבן אונדז אבער געגומען בארואיקן: „האט קיין מורא נישט! דאס מיינט מען נישט אייך. מען שיסט „נא וויוואט״. קומט וועט איר זען!״

מיר זיינען אוועק איבער די גערטנער צום שטראז און מיר האבן דערזען א ריזיקע מחנה יידן, מענער און ווייבער, יונגע און אלטע, מיט פעק אויף די פלייצעס, מיט קינדער אויף די הענט און אויך אויף פלייצעס. יידן מיט בארד און פאות, יידענעס אין שייטלען — פרומע יידן. אין איין גרופע האט מען געזען א ייד מיט א ספר תורה אין די ארעמס. זיי זיינען געווען טויט־מיד, געבויגן צו דער ערד פאר מידקייט, שיר נישט געפאלן אויפן פנים און דאך האבן זיי כמעט געיאגט, וויל פון בידע זייטן זיינען זיי געווען ארומגערינגלט מיט א מונדורירטער און באוואפנטער עסקארטע, וואס האבן פון צייט צו צייט געעפנט א ווילדע שיסעריי. זיי האבן וואס אן אמת געשאסן אין דער לופט, אבער צווישן די יידן האט דאס שיסן ארויסגערופן וואסאמאל א נייע בהלה.

די קינדער האבן זיך געווארפן צו די מאמעס, זיך געטוליעט צו זייערע קניעס, באהאלטן די קעפלעך אין זייערע קליידער און אלע זיינען נאך שנעלער געלאפן. דאס זיינען אפשר געווען יידן פון מונקאטש, פון קארפאטארוסלאנד, ווייל זיי האבן געהאט אזויפיל קינדער, פרומע יידן... אין א צוויי שעה ארום איז אנגעקומען א פרישע כוואליע, אין די טויזנטער. עס איז געווארן נאכט, האבן די טרייבערס געמאכט „האלט״, אריין מיט די יידן אויפן פילווארים און דארט האבן זיי גענעכטיקט. און דאס וועל איך אויך קיינמאל נישט פארגעסן, ווי די יידן האבן זיך אויף דער גימנע פונ׳ם הויף געשטעלט דאווענען. די זון האט זיך געזעצט, זיי האבן געדאוונט מנחה־מעריב. איך מיט מיינע שוועסטער און נאך מיידלעך פונ׳ם דארף האבן זיך א לאז געטאן צונויפנעמען פאר די יידן עסן. אפילו אין די גוישע שטיבער זיינען מיר געלאפן געקליבן עפל, גוטע, פוילע, שטיקלעך ברויט, מילך פאר די קינדער. אויף דער ערד זיצנדיק האבן זיי געהאדעוועט די קינדער, געוויינט און אפילו א טייל גויעס האבן געוויינט און געגעבן עסן פאר זיי. אינדרויסן אויף דער ערד האבן זיי גענעכטיקט.

דאס איז געווען אין אסיען. עס איז נאך כמעט געווען ווארעם אין דרויסן.״

אזוי האט זיך אוועקגעקייקלט דאס לעבן פון די לאנאוויצער און קאזאטשינער יידן — פון איין ביטערער און וויסטער סענסאציע צו א צווייטער, פון צרה צו צרה, פון גזירה צו גזירה. אין אזיעראן האט זיך געשאפן א יודענראט און זיין אפוטרופסות איבער די דארפס־יידן איז באשטאנען אין דעם, וואס מען האט צו זיי געשיקט מאנען צושטייער צו די קאנטריבוציעס און קודם כל יונגע מענטשן צו שיק ואין לאגער בארקי נעבן טארנאפאל. די יינגלעך זיינען אוועק כמעט גוטוויליק. עס איז אוועק ריווציעס ברודער מענדל, פיניע שיפמאנס זון שמשון, דער זון פון מיין קוזין משה קימעלמאן יודזיע, סאסיע דער כומע פרומעס זון קלמן ראזענבלאט, זיינוועל אייז, מישקע שפערלינג, דוד מעצקערס אידעס פייוול אפפעלבוים און אנדערע. פון זיי איז צוריקגעקומען בלויז מענדל וועלכן מען האט אין 14 חדשים ארום אויסגעקויפט צוזאמען מיט

אפּפּעלבוימען. זיי זיינען ביידע אומגעקומען אין שפּעטערער צייט.

אנהויב ווינטער איז מען נאך געווען אין דארף, אבער די גויים האבן זיך שוין באצייטנס געטיילט און געריסן צווישן זיך, וועמענס יידישע נחלה וועט פון זיי ווער ירשענען. דעם לעבעדיקן אינווענטאר האבן די יידן געהאט אוועקגעגעבן שוין דעם ערשטן חודש נאכן אריינקומען פון די דייטשן און די גויים האבן זיך פארטיילט דערמיט לויט א פאראויס צונויפגעשטעלטער רשימה. אויך די פעלצן און פיטערס האט מען שוין פון לאנג געהאט צוגענומען ביי זיי. בערך פורים־צייט איז אנגעקומען דער באפעל וועגן גירוש.

דער דארפס־„פאליציי" איוואן זאדאראזשניע איז ארומגעגאנגען פון שטוב צו שטוב און אנגעקינדיקט, אז אין משך פון צוויי טעג דארף מען זיך „ארויסציען". מיטנעמען האט מען געמעגט אזויפיל וויפיל עס וועט ארויף א פור. מען האט זיך געדארפט ציען קיין אזיעראן, אבער די משפחה נאגלער האט געהאט א פראטעקציע ביים בארשטשעווער בירגערמייסטער, דער געוועזענער פארוואלטער פון סאפיעהאס גיטער מיטן נאמען מ א ט י ל, מיט וועלכן זיי האבן זיך געקאנט פון זייערע פאכט־געשעפטן. דערזעלבער מאטיל האט אגב געהאט אויסגעאיבט זיין השפעה אין דער פירשטלעכער רעזידענץ בילטשע זלאטע, נישט דערלאזט דארט צו קיין שחיטה ערב דעם אריינמארש פון די דייטשן. (די פירשטלעכע משפחה איז אין יאר 1939 אנטלאפן קיין רומעניע) מאטיל האט דערלויבט 4 יידישע משפחות פון לאנאוויץ זיך צו באזעצן אין בארשטשעוו. בערל און מאיר נאגלער מיט זייערע משפחות, די אלמנה פון הערש איינהארן רוזיע מיט די קינדער און יהודה נאכט. שפּעטער האט זיך קיין בארשטשעוו „אריינגעצויגן" אויך אברהם פעלדשו מיט זיין משפחה. דער רעשט לאנאוויצער יידן און אלע יידן פון דעם קאזאטשינע האבן זיך איבערגעטראגן קיין אזיעראן. דער וויטערער גורל פון אט די צוויי גרופן איז פארבונדן מיטן גורל פון די יידן אין געטא בארשטשעוו און אין אזיעראן, מיט דעם צוגאב, וואס אחוץ די אלגעמיינע פורעניות זיינען זיי דארט אלס פליטים — ווי אומעטום — מער געווען אויסגעזעצט אויף די גזירות מצד דעם יודענראט.

„שוין גוטע עטלעכע וואכן פאר דער איבערזידלונג — באמערקט ריווציע — האבן מיר אנגעהויבן אריבערצוטראגן אין די נעכט קיין בארשטשעוו וואס עס האט זיך נאר געלאזט, דער עיקר מעל און געלד... א פאליאק פון דער שליאכטע האט אונדז געדינגען א פור צום איבערציען זיך און דאס איז אויך געווען א זייער גרויסע טובה.

אונדזער מאמע האט אבער נישט געוואלט פארלאזן די שטוב. געזאגט, אז זי וויל שטארבן דארט, ווו זי איז געווען דאס גאנצע לעבן".

אין געטא־בארשטשעוו, די אקציעס

„אין דערזעלבער צייט, ווי מען האט אונדז ארויסגעטריבן פון לאנאוויץ, האט מען שוין אין בארשטשעוו איינגעפירט א געטא. מיר האבן זיך אריינגעצויגן צו דער משפחה ראזענבלאט, וואס האט געוווינט ביים לאנאוויצער וועג באלד ביים אריינקומען אין שטאט אריין. דאס איז אונדז זייער צונוצגעקומען, ווייל אין די נעכט פלעגן מיר זיך לייכטער קענען ארויסגנב'נען. מיר פלעגן זיך אוועקלאזן צופוס אין דארף אריין, כדי צו זשעברעווען אביסל עסן ביי די גויים, דער עיקר פאליאקן. מיר האבן געוווינט 6 מענטשן אין איין פיצל שטיבל. עס איז באלד געווארן א גרויסער הונגער. מיט דעם, וואס מען האט געבראכט צו פירן פון לאנאוויץ און מיט דעם, וואס מען פלעגט צוברענגען אין די נעכט, האט מען זיך געמוזט טיילן מיט די ראזענבלאטס און מיט די אנדערע משפחות, וואס האבן געוווינט אין דעם הייזל. אין שטאט זענען די בהלות געווען נאך אפּטער, ווי אין דארף, דאס גוטע איז נאר געווען, וואס מען איז מער געווען צווישן יידן. מיט דער צייט האט זיך אבער ארויסגעשטעלט, אז אויך יידן קענען זיין זייער געפערלעך און מען דארף זיך היטן פאר יידישע פאליציאנטן נישט וויניקער ווי פאר די שקצים. מען פלעגט כאפּן אויף ארבעט סיי מענער, סיי פרויען. די יינגלעך האבן זיך נאך אלץ געפונען אין לאגער אין בארקי און מען פלעגט זיי שיקן פּעקלעך. איינער פון די הויפּט־ארגאניזאטארן פון שיקן פּעקלעך איז געווען יענקל מייזל.

אזוי האט מען געלעבט אין געהאקטע צרות דעם גאנצן זומער. מען האט כסדר געשמועסט, אז

עס דארף זיין אן „אקציע“, מען האט געהערט, וואס עס האט זיך אפגעטאן אין אנדערע ערטער. מענטשן האבן אנגעהויבן צו גרייטן באהעלטענישן. אין אונדזער הייזל איז פארמאסקירט געווארן א קעלער, שפעטער האט מען געמאכט א דאפל־מויער ביי דעם פאציאט און צווישן צוויי ווענט זיינען געזעסן 25 מענטשן. אין די ימים נוראים איז די שרעק געווארן אלץ גרעסער. פאר סוכות האט זיך געשאפן א קאמיטעט, מען האט אנגעהויבן צונויפנעמען גאלד מיט זילבער און אוועקגעשיקט קיין טשארטקאוו א דעלעגאציע מיט אסך גאלד אפצובעטן די גזירה. די דעלעגאטן זיינען צוריקגעקומען מיט דער בשורה, אז גאט האט געהאלפן. די געסטאפא האט גענומען די מתנות און צוגעזאגט, אז קיין אקציע וועט נישט זיין. מען האט געהייסן באקן לעקעכער און פראווען דעם יום טוב, ווי גאט האט געבאטן. מיין טאטע מיטן פעטער מאיר האבן טאקע געמאכט א סוכה און מען האט אנגעגרייט אויף יום טוב ווי ווייט מען האט געקאנט, אבער דער פעטער מאיר האטביים קידוש שרעקלעך געווינט. דאס הארץ האט אים געזאגט, אז מער וועט ער שוין קיין קידוש נישט מאכן.

באלד אויפצומארגנס, האלב פיר פארטאג, האט יהודה נאכט אנגעקלאפט צו אונז אין פענסטער: „קינדער, שטייט אויף! די חתונה הויבט זיך אן“. די אקציע איז פארגעקומען גלייכצייטיק אין אזיעראן, בארשטשוו, קאראליוועקע, טויסט, מילניצע, סקאלע.

דורכן פענסטער האט מען דערזען לויפן א המון, איבער דער זייטיקער אולניצע זיינען אלע געלאפן אין פעלד אריין זיך באהאלטן. איך צוזאמען מיטן טאטן און דער מאמען זיינען אריין אין אונדזער באהעלטעניש, בראנציע מיט פערלען האבן זיך געלאזט לויפן אין פעלד אריין. די תבואה איז שוין פון לאנג געווען אפגעשניטן, אבער עס זיינען נאך געווען אויפן פעלד קוקורודזעס, צווישן וועלכע די מענטשן האבן זיך געקלערט צו באהאלטן. עס האט נישט געדויערט קיין מינוט, האט זיך דערהערט א שיסעריי און אלע זיינען געלאפן צוריק. מיינע צוויי שוועסטער האבן נאך באוויזן זיך אריינצובאקומען אין אונדזער באהעלטעניש. אויף א פלאץ, ווו עס האבן געקאנט זיין 6 מענטשן, זיינען געזעסן 14.

דריי א זייגער נאכמיטאג האבן מיר דערהערט אונטער דער טיר פייבישס קול: „טאטע, טאטע!“ ער האט געהאט א פאליציי־נומער. ער איז ארומגעלאפן אונטער די קלאפעס פון די באהעלטענישן און געזוכט דעם פאטער. דער פעטער מאיר איז געהאט אויפגעשטאנען גאנץ פרי, זיך אנגעטון אין דער קאפאטע מיטן טלית און געגאנגען דאווענען. צום סוף האט אים פייביש געפונען שוין צווישן די געכאפטע. ער האט זיך געשטעלט נעבן אים, כלומרשט, אז ער פירט אים אינאיינעם מיט די אנדערע צום זאמל־פלאץ, געמיינט, אז ער וועט אים קענען ארויסשלעפן, אבער ס'האט נישט געהאלפן. ער איז אוועקגעפארן מיט דער באן גלייך מיט די אנדערע. דערנאך האט מען דערציילט, אז זיין הויכע פיגור, מיט דער ווייסער בארד און מיטן בלייכן פנים האט זיך ארויסגעזען פון די וואגאנען, ווען דער צוג איז פארבייגעפארן דורך דער סטאציע טערעסין. ער איז געשטאנען איינגעהילט אין טלית, געדאוונט און געווינט. געווען אלע יארן דער בעל תפילה פון לאנאוויץ.

דורך די שפארעס פון אונזער באהעלטעניש האבן מיר צוגעזען פארשידענע סצענעס. מען האט ארויסגעשלעפט פון א באהעלטעניש די פיר שיינע מיידלעך פון קאפל פינגער — איינע שענער פון דער אנדערער. אז מען האט זיי אנטדעקט האבן זיי שרעקלעך געשריגן און זיך געבעטן מען זאל זיי לאזן לעבן“.

„און אז דער הימל האט זיך נישט געשפאלטן אין דאס געוויין האט גארנישט געהאלפן, ווייל איך שוין נישט לעבן, וואס מיינע אויגן האבן אזוינס געזען...“

ערב אַ נייער אקציע

„נאך דער דאזיקער אקציע האט מען אריינגעטריבן די רעשטן יידן פון אלע ארומיקע ערטער קיין בארשטשוו. דער הונגער, דער שמוץ און די ענגשאפט זיינען געווארן אין לשער. מענטשן האבן גענעכטיקט אין דרויסן אויף דער קעלט, ווייל עס איז נישט געווען קיין פלאץ. עס איז פארגעקומען א כאפעניש. מען האט אוועקגעפירט אסך יונגעלייט קיין טשארטקוו, דערנאך זיינען א טייל פון זיי געווארן אפגעלאזט. זיי זיינען צוריקגעקומען קיין באר־

שטווו און געבראכט פון דארט א טיפוס, כדי אנצושטעקן אנדערע און ארויסרופן אין געטא א מגיפה. אסך מענטשן זיינען אויף דעם אופן פטור געווארן פון זייער לעבן.

נאך פורים 1943 איז פארגעקומען פלוצים א נייע אקציע. אוקראאינער מיט דייטשן זיינען ארומגעלאפן איבער די שטיבער אין געטא און האבן געשאסן ווּעמען זיי האבן געטראפן. איך האב נאך נישט געוווּסט, וואס עס קומט פאר און איך האב ארויסגעקוקט דורכן פענסטער. צוויי יידישע ארדנונגסדינער האבן מיך דערזען און געטאן א געשריי צו מיר: „מערדערין, וואס זיצסטו? אין שטאט גיסט זיך שוין בלוט". איך בין אריין אין אונדזער באהעלטעניש. די פרוי ראזענבלאט מיט א יינגל פון בילטש האבן זיך באהאלטן אין א פאק בעטגעוואנט, האט מען זיי געפונען און געשאסן. ווען מען איז ארויס פון בונקער, האט מען געזען פרומציע ראזענבלאט זיצן אנגעשפארט דעם קאפ אויפן עלנבויגן. מען האט זי גערופן, האט זי זיך נישט אנגערופן, האט מען ערשט דעמלט דערקענט, אז זי איז טויט און ארום איר איז פארקילט א קאלוזשע בלוט. דאס יינגל איז געווען אויסגעצויגן אויף דער ערד, אבער ער האט זיך אנגערופן:

„יא, איך לעב".

ער האט געהאט אדורכגעשאסן א לאפאטקע. מען האט אים חדשים־לאנג מיט גרויס מי קורירט און אויסקורירט, ער איז אומגעקומען שפעטער.

נאך פורים איז מענדל צוריקגעקומען פון דעם לאגער. מען האט אים פארגעלייגט צו גיין אין ארדנונגס־דינסט, האט ער נישט געוואלט. ער איז אריין ארבעטן צו א דייטשן באאמטן אלס גערטנער.

ערב פסח האבן די דייטשן געהייסן דעם בירגערמייסטער לאזן פויקן אין די גאסן, אז אלע יום טובים — חגאות — אוקראאינישע, פוילישע און יידישע, זיינען צוזאמען, יידן מעגן גיין איינקויפן, עס וועט נישט זיין קיין אקציע. איך בין דעמלט געגאנגען פון לאנאוויץ צוריק קיין בארשטשווו, האב איך דערזען אויפן וועג אן אויטא מיט אוקראאינישע מיליציאנטן, וואס האבן געלאדן דאס געווער, האב איך מיך באלד פארנומען אין א זייט און בין אוועק צוריק אין דארף. דער טאטע מיט דער מאמע האבן זיך דעמלט באהאלטן אין בונקער. בראנציען מיט פערלען האט געהאט גענומען צו זיך א גויע פון טולין, וואס פלעגט צו אונדז ברענגען עסן און טוישן פאר זאכן. וועלוול איז געווען אין מארק, געוואלט קויפן קארטאפל און אריינגעפאלן אין דער מהומה. דאסמאל האט מען די געכאפטע געפירט אויפן היליקן ארט. די באהאלטענע האבן דאס צוגעזען דורך די שפארעס. פון פארנט איז געגאנגען מוזיק. מען האט אויסגעשטעלט די יידן איבער א גרוב און אויסגעשאסן. וועלוולען איז געהאט געלונגען צו אנטלויפן אין איין שוך, האט אים אויפן וועג געטראפן א לאנאוויצער גוי, א שכן טימקע מיקעטין, אים אנגעכאפט פארן קאלנער און צוריק פארשלעפט אויפן בית הקברות. די מאמע האט נאך דער אקציע דערציילט א שרעקלעכע זאך, וואס זי האט צוגעזען דורך דער שפארע פון דעם באהעלטעניש. נישט ווייט איז געווען א בונקער, צו וועלכן מען האט נישט געקאנט צוקומען. די מענטשן האבן נישט געוואלט ארויסגיין, האבן די אוקראאינישע מיליציאנטן אנגעשטופט שטרוי און אונטערגעצונדן. דערנאך האט מען געזען, ווי די פארחלשטע, פארשרפעטע יידן האבן אנגעהויבן ארויסצוגיין" . . .

נאך דער פסחדיקער אקציע, האט מען שוין געזען, אז אלע פארזיכערונגען זיינען בלאטע און דאס געטא וועט זיך לאנג נישט האלטן. ריווקע קרעכצט וואס אמאל טיפער, שווערער. זי ציט ווייטער דעם פאדים:

„די מאמע האט אונדז כסדר געטריבן מיר זאלן גיין יעדעס באזונדער פרווון זיין מזל. „אז מען האקט האלץ, פאלט אמאל אוועק אויך א גאנץ שפענדל". בראנציע איז געווען ביי דער גויע פון טולין. מענדל מיט פערלען אין איוואנקאוו. דערווייל האט מען געהערט, אז אמזיכערסטן איז צו זיין אין לאגער אויף דאבראניוווקע. דאס איז געווען אן אריסטאקראטישער לאגער. דארט האבן זיך פארזאמלט די רעשטן פון דער יידישער אינטעליגענץ, אדוואקאטן, דאקטוירים, גוטס־פעכטער. דער ארבעטס־לייטער פון דעם לאגער איז געווען איינער א קריסט מיטן נאמען פעדאראוויטש, וועלכער האט די יידן נישט שלעכט באהאנדלט און זיי האבן אים געגלויבט, אז ער וויל זייער טובה. אממיינסטן האפונונגען האט מען גע־



לאנאוויצער מיידלעך (אלע אומגעקומען)

לייגט אויף די פלאנטאציעס פון קאקסאגיס — אזא גראז, פון וועלכן מען האט געצויגן א מילך ווייסן זאפט און דערפון האבן די דייטשן פראדוצירט קינסטלעכן גומי. אויך אנדערע פלאנצן האט מען דארט געבוים. פון לאנאוויץ איז דארט געווען יאסיע קימעלמאן מיט פעפציען און מיט איר יינגעלע מונדעק. דארציע קימעלמאן, זיין פרוי, וועלכע איז געווען האלב פאראליזירט, איז געווארן געשאסן בשעת דער אקציע אין אזיעראן. דא האט זיך אויך געפונען אניע פאהארילעס, ביילע גראסערס איניקל, מיט איר מאן און קוזין האנס פאהארילעס, וועלכער האט געהאט געהאלטן אין פאכט דאס פאמיליע־גוט זאַלוטשע. אין איינעם א מיטוואך האט מיך די מאמע ארויסגעפראוועט קיין דאבראניוווקע אין איינעם מיט יהודה נאכטס טאכטער מאניע. דאס איז געווען פאר שבועות און גאר אינגיכן האט אונז אנגעיאגט אין דאבראניוווקע די ווייסטע און פינסטערע בשורה, וועגן דער נייער גרויסער פארניכטונגס־אקציע, וואס איז פארגעקומען כמעט ערב שבועות, צוויי טאג אין סיוון. איך געדענק די דאטע — ליידער — דאס איז די דאטע ווען איך שטעל אויף א יארצייט נאך מיינע טאטע־מאמע. דאסמאל האט מען געהרגט אויפן ארט. דער טאטע מיט דער מאמען זיינען אויך דאסמאל בשעת דער אקציע אריין אין אונדזער באהעלטעניש, אבער איצט זיינען שוין געווען ווייניקער יידן צו כאפן, האט מען שטארק געזוכט. צום הייזל פון די ראזענבלאטס פון וואנען מ'האט געהערט א קול פון א קינד, האט מען געברענגט צו פירן א פוילישן אינזשיניער, ער זאל מעסטן און בארעכענען, ווו עס קען זיין א באהעלטעניש. ער האט געמאסטן און אנטדעקט די דאפלטע וואנט.

מענדל און בראנציע מיט פערלען זיינען געקומען צו לויפן צו מיר קיין דאבראניוווקע. דא האבן מיר באוויינט אונדזער בראך. פון דאנען זיינען זיך אויפסניי צעגאנגען אונדזערע וועגן. בראנציע איז געבליבן מיט מיר אין דאבראניוווקע, מענדל מיט פערלען, וואס פלעגן אויך פאר דער מלחמה בעל הביתעווען אין בלישטשענקע, האבן זיך אוועקגעלאזט אהין. מענדל האט דארט געהאט א גוטן פריינט א בעל בית מיטן נאמען דזיאדאך, א פאלאק און יענער האט אים טאקע אריינגענומען צו זיך. ער האט אים מיט פערלען אויסבאהאלטן און געהאַדעוועט ביז צום אריינקומען פון דער רויטער ארמיי. נישט מער מענדל האט נישט געהערט דזיאדאכן, צו פרי ארויס אויף דער ליכטיקער שיין און אוקראאינישע באנדיארן האבן אים מיט פערלען דערשאסן, ווען זיי האבן זיך געלאזט אין וועג אריין קיין בארשטשוו. נאר מיר ביידע, איך און בראנציע זיינען געבליבן לעבן פון אונדזער גאנצער משפחה״.

ריווציע איז פיל צו פרי צוגעקומען צו אט דער אונטערשטער שורה פון איר משפחה־גורל. עס איז נאך פאראן די גאנץ לאנגע פרשה פון עלף חדשים אין א באהעלטעניש ביי א לאנאוויצער פאלאק און פאר דעם דער קורצער עפיזאד פון דאבראניוווקער לאגער, וואס איז פארגעקומען ערגעץ סוף יוני, אדער אנהויב יולי 1943. דאס איז אייגנטלעך געווען א„שטילע״ צייט — אחוץ עט־

לעכע ביז גאר שטורמישע עפיזאדן, ווי א שטייגער דער איבערפאל פון די באנדעראווצעס אויף דעם פוילישן ישוב אין לאנאוויץ — און דאס דערציילט מיר ריווציע זייער נערוועז. זי שפרינגט פארויס, זי שפרינגט צוריק אין איר דערציילונג. זי איז מחוייב אפצוגעבן עדות וועגן אלץ וואס איז געשען, אבער די נערוון האלטן דאס נישט אויס. אויך פאר מיר איז דאס פארשרייבן די דאזיקע עדות, שווערער ווי אלע פון מיינע הונדערטער עדויות, וואס איך האב פארשריבן. אז א יעדער אומגעקומענער איז פון מיינע, אדער ריווצעס נאענטע, פון קינדוויז אן באקאנטע, אייגענע און אפילו די נעמען פון די מערדער, זיינען נעמען פון היימישע, שכנים, מיט וועלכע מען איז צוזאמען געוואקסן, געגאנגען אין שול. איך הער, וועגן דעם לעצטן גילגול פון דעם וויציע יאסיע, מיין מאמעס יונגסטער ברודער. דעם שטראלנדיקן, מעכטיקן גיבור פון מיין קינדער־וועלט. דעם הויכן און ברייטן, דעם רייכן תקיף, דעם פריילעכן שפעטער פון דער גאנצער געגנט. ווי ער האט נישט געהאט צו עסן, ווי ער האט זיך פארגנבעט אין א נאכט, נאך א מארש פון עטלעכע קילאמעטער, געקומען פון דאבראניוווקע קיין לאנאוויץ און געוואלט אנגראבן אביסל קארטאפל אויף זיין אייגענעם גארטן. און ווי עס איז ארויס פון מיין זיידנס ברייטן הויז מיט די צוויי גאנקעס דער גוי דער יורש און ווי ער האט אים מיט אכזריות און בזיון פארטריבן פון דארט...

וועל איך פרווון בקיצור איבערגעבן, אט דאס לעצטע קאפיטל, וואס ריווציע האט מיר שטאמלענדיק און קרעכצנדיק דערציילט.

צוריק אין לאנאוויץ

דער רעזשים אין לאגער דאבראניוווקע איז נישט געווען צו שטרענג. דער לאגער־פירער פעדעראוויטש האט אויסגעטיילט יידישע אויפזעערס, וועלכע זיינען געווען פאראנטווארטלעך פאר דער ארבעט. אויך מיין פעטער, יאסיע קימעלמאן איז דעמלט געווען א שטיקל „אקאמאן" ביי פעדעראוויטשן און ער האט גאנץ ערנסט גענומען זיינע פליכטן. די צוויי שוועסטער פלעגן אמאל נאך דער ארבעט ארויסגיין נעכטיקן צו איינעם א קריסט מיטן נאמען באראן, זיי האבן געארבעט ביי בוראקעס, אבער דער קאפ איז זיי געווען ביי עפעס אנדערש. א פאר טעג פאר דער אקציע האבן זיי געטראפן ביי באראנען דעם פאלאק אדאמאווסקי, וועלכער האט זיי דערציילט בסוד, אז מען דארף ליקווידירן דאס לאגער אין דאבראניוווקע. בראנציע איז באלד נישט צוריק געגאנגען אין לאגער, ריווציע איז געגאנגען ווארענען יאסיען, אבער ער האט איר נישט געוואלט גלויבן. „פעדעראוויטש ווייסט נישט און דו ווייסט" — האט ער איר געענטפערט און געהאט א טענה, הלמאי די שוועסטערס האבן נישט געענדיקט דאס אונטערשארן זייער חלק בוראקעס. ריווציע האט געהאט שכל מער גלויבן אדאמאווסקין און אויף צומארגנס איז זי שוין אויך אין לאגער נישט צוריקגעגאנגען,ביידע מיידלעך זיינען אוועק אויף דער „שליאכטע", אין דעם פוילישן טייל לאנאוויץ, וואס איז געלעגן אויפן לינקן ברעג ניטשלאווע, נענטער צו דאבראניוווקע און הלובאטשאק. דארט האבן זיי געהאט א צוזאג פון דעם געוועזענעם וויטס סטאשקע שטשעפאנאווסקי שטיף־זון מיטן נאמען מיכאל אז ער איז גרייט זיי אויסצובאהאלטן. און ווי נאר זיי זיינען צו אים געקומען, איז שוין געווען א ידיעה, אז דאבראניוווקע איז ביינאכט געווארן ארומגעשטעלט און מען שיסט אויס די יידן דארט אויפן ארט. עס האט זיך דערהערט א שרעקלעכע שיסעריי. דער פאלאק האט זיך שטארק דערשראקן און געהייסן די מיידלעך אוועק אין פעלד אריין זיך אויסבאהאלטן צווישן די תבואות. ער האט פארויסגעזען, אז א טייל יידן וועלן זיך צולויפן און מען וועט אויף זיי מאכן אבלאוועס, וועט מען זיי זוכן אין די פוילישע כאטעס. אזוי איז טאקע געווען. א היפש ביסל יידן האבן זיך באוויזן ארויסצובאקומען און זיי האבן ארומגעבלאנדזשעט איבער די פעלדער־וועלדער, געזוכט א לאך זיך צו פארשטעקן. די ערד האט זיך נישט געשפאלטן זיי אריינצונעמען אין איר שויס. מען האט פון אלע זייטן געהערט געוויינען און געשרייען פון מענטשן וואס זיינען געכאפט געווארן.

פארלארן דאס געפיל פון הונגער און קעלט

ריווציע מיט בראנציען זיינען אפגעלעגן אויפן פעלד, צווישן די זאנגען שפהן, טעג. איך פרעג זי,

צי זיינען זיי ביינאכט געגאנגען זוכן עסן, זאגט זי מיר, אז נישט. עס דאכט זיך איר איצט, אז זי איז צוזאמען מיט דער שוועסטער אין משך פון עטלעכע טעג געלעגן און זיך נישט גערירט, אז זיי האבן נישט געפילט קיין הונגער, קיין קעלט, געווען ווי פארשטארצט. „אז עס איז אונדז באשערט געווען צו לעבן, האט גאט אלע מערדער די אויגן פארשטעלט". זיי האבן געהערט גוישע געשפרעכן. גויעס האבן געשלעפט פעק מיט זאכן, וואס די יידן האבן געלאזט אין לאגער. זיי האבן גערעדט וועגן די הרוגים, וואס זיי האבן געזען זיך וואלגערן אין דאבראניוועקע אויפן טויק. זיי האבן נאך געלאכט פון די פאזעס אין וועלכע זיי זיינען געלעגן נאכן טויט. און נאר איין מאל איז געשען, אז די שוועסטערס האבן פלוצים דערזען אויסוואקסן נעבן זיך א שייגעץ מיט א ביקס און זיי האבן געמיינט, אז איצט איז שוין געקומען זייער לעצטע שעה. דאס איז געווען דער זון פון רויטהאריקן ערדלאזן פויער יורקע קוקא, וועלכער האט נאך אין מיינע צייטן געהאט אין דארף א שלעכטן שם. דאס זונדל זיינס איז געווען א פרי, פאר וועלכן מען האט מורא געהאט סיי אין די סאוויעטישע צייטן, סיי אין די דייטשע. עס איז אבער געשען א מאדנע זאך. „עס איז באשערט געווען צו לעבן" — חזרט ריווציע איבער. דער שייגעץ האט צו זיי א מאך געטון מיט דער האנט ווייזנדיק אויפן מויל, אז זיי זאלן זיין שטיל, זיי זאלן נישט מורא האבן. „נעזאם, נעזאם" — האט ער צו זיי געטאן א שעפטשע, דאס הייסט, אז זיי זאלן זיך ווייטער האלטן נידעריק ביי דער ערד, קיינער זאל זיי נישט זען. ער איז אוועק. ריווציען דאכט זיך, אז עפעס האט אמאל יורקא קוקא געהאט א טובה פון איר טאטן און דווקא דער דאזיקער „האלאדריגע" האט געהאט א שטיקל גאט אין הארץ.

און דערנאך זיינען שוין קיין לעגאלע יידן אין דער געגנט אינגאנצן נישט געווען. ווען עס האט זיך אביסל איינגעשטילט האט מיכאל באזעצט די צוויי מיידלעך אין סטאדאלע ביי זיין אוקראינישער שוויגער, אן אלמנה, די אלטע וואסילענטשיכע, וועלכע איז געווען אלט 96 יאר זי האט געהאט אין דארף א שם פון א קארגער מרשעת און דאס איז פאר די מיידלעך געווען זייער גוט. קיינעם וואלט נישט איינגעפאלן זי חושד זיין אין אזא זאך, ווי אויסבאהאלטן יידן. ריווציע האט ממש נישט קיין ווערטער אפצומאלן די פיינקייט און די מאראלישע האלטונג פון מיכאל וועלכער האט די צוויי שוועסטער באהאנדלט אויסערגעוויינלעך איידל און ער האט זיי נישט אויסגענוצט אין קיין שום זין.

מיכאל פלעגט זיי ברענגען ידיעות וועגן אנדערע געציילטע יידן פון לאנאוויצער אפשטאם, וואס האבן זיך נאך אלע ליקווידאציעס ארומגעבלאנקעט איבער די וועלדער און דערפער פון דער געגנט. זיי האבן געוווסט וועגן זעליק גראסער מיט זיין זון יאסל, וועגן משה קימעלמאן, וועגן אברהם פעלדשו מיט זיין גאנצער משפחה. זיי האבן דאכט זיך כלל נישט געוווסט וועגן דעם זון מיט א טאכטער פון משה פעלדשו, וועלכער האט שוין פאר דער מלחמה זיך ארויסגעצויגן קיין בארשטשאוו און זיין זון בן־ציון איז א שטיק צייט געזעסן באהאלטן ביי איינעם פון די כאדזשיקאווסקיס אויף דער שליאכטע, גאנץ נאענט פון דעם ארט, ווי עס זיינען געזעסן באהאלטן ריווציע מיט בראנציען.

ווי געשפענסטער פון אונטער דער ערד

צוויי קליינע עפיזאדן דערציילט ריווציע פון דער צייט. א מעשה וועגן אירער א וואנדערונג אינמיטן דער נאכט צו די ראגאווסקיס אפצונעמען זאכן — „ווי א דוך". זי האט דעמלט מורא געהאט פאר זיך אליין. עס האט זיך איר אויסגעדאכט, אז זי איז שוין א געשפענסט פון יענער וועלט און טאקע ווי פאר א געשפענסט האט זיך פאר איר דערשראקן די פרוי פון וולאדעק ראגאווסקי. איר אלץ געגעבן, אלץ נאכגעגעבן, אבי זי זאל נאר וואס שנעלער פארלאזן דאס הויז... א צווייטע מעשה איז וועגן דעם, ווי א טאכטער מיט אן אייניקל פון דער אלטער בעל הביתטע זיינען געקומען פון קאנסטאנציע, אריין אין סטאדאלע און פלוצים אנטדעקט די מיידלעך. דער שייגעץ האט פארלאנגט פון די מיידלעך, אז זיי זאלן מיט גוטן פארלאזן דעם פלאץ. דערנאך האט אבער זיין מאמע אויף זיי רחמנות באקומען — אזויפיל צייט האבן זיי זיך אויסבאהאלטן פארן טויט; וואוהין וועלן זיי איצט גיין. די מיידלעך האבן געהערט, וואס זיי האבן גערעדט צווישן זיך און אויך דאסמאל האט זיך די

קאטאסטראפע אויסגעלאזט מיט גוטן. זיי האבן אפילו נישט אויסגעזאגט דער אלטער אז די מיידלעך זיצן אויפן בוידעם פון דער סטאדאלע. „אלץ, ווייל עס איז באשערט געווען צו לעבן" — חזרט ווידער ריווציע איבער.

נאך מער האט אין זייער מזל געגלויבט דער קריסט, וואס האט זיי געראטעוועט. און דאס האט א שייכות צו נאך א מעשה — די דראמע פון די לאנאוויצער פאלאקן. איך האב געהערט די מעשה פון בן־ציון פעלדשו נאך אין יאר 1945.

ווי באוווסט, האט זיך דער חלום וועגן א זעלבשטענדיקער אוקראאינע אונטער דעם דייטשן פראטעקטאראט אויסגעלאזט מיט גארנישט. האבן דעריבער די אוקראינישע נאציאנאליסטן ארגאניזירט אן אונטערערדישע באוועגונג, וואס האט אויסגעהאלטן באוואפנטע באנדעס, וועלכע האבן כלומרשט געקעמפט קעגן דער דייטשער אקופאציע־מאכט, דער עיקר האבן זיי אבער עוסק געווען אין אויסראטן די פוילישע און ידישע באפעלקערונג. זיי זיינען א דאנק דעם טאלערירט געווארן דורך דער דייטשער מאכט, בפרט אין דער צייט, ווען דער מזרח־פראנט האט זיך איינגעבראכן און עס האט זיך אנגעהויבן דערנענטערן די רויטע ארמיי, קעגן וועלכער די אוקראיניש־פאשיסטישע פארמאציעס, גלייך מיט די פוילישע רעכטע פארמאציעס אין מעריב — האבן געקאנט ווערן א געוווּנטשענער דיווערזיע־כוח. די „בולבאווצעס" אויפן וואלין און די „באנדעראוועצעס" אין גאליציע (אויפן נאמען פון דעם אוקראינישן טעראריסט, וואס האט דערשאסן דעם פוילישן מיניסטער פיעראצקי און אנטלאפן קיין דייטשלאנד) — האבן אין די יארן 1943 און 1944 אויסגעמארדעט גאנצע פוילישע ישובים, סיי פון די אסאדניקעס, וואס דאס אומאפהעניקע פוילן האט באזעצט אויף פארצעלירטע גיטער ביי די מזרח־גרעניצן, סיי פון די אלטע, שטארק רוטעניזירטע רוימיש־קאטוילישע אינזולעך, וואס האבן עקזיסטירט אינמיטן ים פון דער גריכיש־קאטוילישער פאלקס־מאסע אין משך פון הונדערטער יארן.

די קאטאסטראפע פאראייניגט רעשטלעך פון יידן און פאלאקן

די דאזיקע פאלאקן האבן ס'רוב געערדט צווישן זיך אוקראיניש, זיך משדך געווען מיט אוקראינער און געלעבט מיט זיי בשלום. איצט האבן זיי זיך געפילט באדראט גלייך מיט די יידן און דערפון נעמט זיך דער כאראקטעריסטישער מאמענט, וואס מיר טרעפן אן אין אלערליי מאטעריאלן וועגן יידישן גורל אויף די דרום־מזרח־קרעסן: דער רוב העלפערס זיינען פאלאקן. אין גאליציע האט אפילו עקזיסטירט א יידיש־פוילישע צוזאמענארבעט צווישן באוואפנטע עלעמענטן, וועלכע האבן זיך ארומגעדרייט אין די וועלדער און זיך פארטיידיקט סיי פאר דייטשן, סיי פאר איקראינישע באנדעס. די פאלאקן פון לאנאוויץ האבן זיך גערעכנט פאר מיוחסים. זיי האבן געפירט זייער שטאם פון נעבן קראקע און נישט געארבעט קיין פאנשטשיזנע פארן אפשאפן דאס לייבאייגנטום אין עסטרייך אין יאר 1848. צוליבדעם האט זייער ווין־קווארטאל געהייסן שליאכטע. זיי זיינען געווען א „כאדאטשקאווע" — א פויערן־שליאכטע, וואס איז געווען צונויפגעשטעלט פון עטלעכע פארצווייגטע משפחות. מיר טרעפן אין די שילדערונגען פון די געראטעוועטע יידן די נעמען אדאמאווסקי, שטשעפאנאווסקי, זיולקאווסקי, די פוילישע פויערן פון דער „שליאכטע" זיינען געווען ארגאניזירט אין א רעליגיעזער חברה — א „בראצטווע" פון הייליקן פראנציסעק — און עס איז נישט אויסגעשלאסן, אז אויך דער פאקט האט משפיע געווען אויף זייער לייטישער האלטונג לגבי יידן. מיר זעען אויך דעם פאקט אלס א פארשפרייטע דערשיינונג. רעליגיעז־אקטיווע גרופן, מיטגלידער פון סעקטעס א. ד. גל. זיינען אוימעטום מער פון אנדערע געווען נוטה צו העלפן די גערודפטע יידן. (סובאטניקעס, ביבל־פארשער א. א. וו.).

דעם לעצטן ווינטער פאר דער באפרייאונג איז פארגעקומען דער איבערפאל אויף דער שליאכטע. די באוואפנטע באנדע איז געקומען פון אויסערן דארף, אבער די ארטיקע רעדל־פירער האבן די זאך צוגעגרייט און מיטגעווירקט אין איר דורכפירונג. די שליאכטע איז געווארן „ארומגעשטעלט" אזוי ווי א געטא בשעת אן אקציע. פון איין זייט איז געשוווּמען די ניטשלאווע.

די באנדעראוועצעס האבן אונטערגעצונדן די שליאכטע פון אלע זייטן און האבן געעפנט אויף די

אנטלויפנדיקע פון די פלאמען א געדיכטע שיסעריי פון מאשין־געווער, ווי בן־ציון פעלדשו האט מיר דערציילט, זיינען די באנדיטן געווען אזוי צעיושעט, אז זיי האבן געשאסן נישט נאר צו די מענטשן, נאר אפילו צו די בהמות, וואס זיינען געלאפן פון דעם פייער. וויפל זיינען געווארן געהרגט? וויפל האבן זיך געראטעוועט פון דעם איבערפאל? — דאס וויסן נישט צו דערציילן די געראטעוועטע יידן. דאס מערקווירדיקע דערביי איז דאס, וואס דווקא די יידן, וואס זיינען געווען באהאלטן אויף דער שליאכטע זיינען געבליבן לעבן. בן ציון איז ארויס פון זיין בעל הבית און אוועק זיך באהאלטן הינטער א פעלז, אויף דעם בערגל, הינטער וועלכן עס איז געשטאנען די שטוב פון זיין בעל הבית. אהין פלעגט ער שטענדיק לויפן אין מאמענטן פון סכנות. פון דארט האט ער צוגעזען די שרפה און די מהומה, וואס האט געדויערט עטלעכע שעה. געבליבן לעבן זיינען די, וואס האבן זיך באוויזן צו באהאלטן אויף אן ארט, ווו די פלאמען און דער רויך האבן נישט דערגרייכט. צווישן זיי די בעלי בתים פון די צוויי שוועסטער, וועלכע זיינען אריינגעקראכן אין א קעלער אויף קארטאפל. מיכאל האט דערנאך געטענהעט, אז זיי האבן זיך געראטעוועט אין זכות פון די צוויי יידישע יתומות.

און אזוי זיינען די מיידלעך אויסגעזעסן אויפן זעלבן ארט, ביז דער פראנט האט זיך דערנענטערט, איבערגעקומען די בהלה פון דעם ריקצוג, ביז צו יענעם פאר־פסחדיקן פארנאכט, ווען מיכאל איז אריין צו זיי אין סטאדאלע און אויסגערופן: „וואס זיצט איר? קומט ארויס! איר זיינט שוין פריי".

נאך דער באַפרייאונג

ריווציע מיט בראנציען זיינען אוועק קיין בארשמשוו, ווו עס האבן זיך אנגעקליבן אביסל געראטעוועטע יידן פון וואלד און פון די דערפער. עס איז געווארן איינגעשטעלט צוריק די סאוויעטישע מאכט, אבער די באנדעראווצעס האבן נאך גראסירט א לאנגע צייט. ממשיך געווען דאס מארדן יידן, טעראריזירט מיט איבערפאלן און נקמה־אקטן די באפעלקערונג.

מערקווירדיק איז דאס, וואס ריווציע דערציילט וועגן דער אקושערין יולציע קאטאמסקא די טאכטער פון קורניצקין, א שם דבר אין דארף און אין דער גאנצער געגנט. זי האט אסך געהאלפן די יידן, וואס האבן זיך ארומגעדרייט אין לאנאוויץ מיט עסן, אמאל מיט א ווינקל זיך צייטווייליק אויסצובאהאלטן. זי האט ביי זיך געהאלטן 7 יידן אסתר נאגלער און שוע לינדענבוים, משה קימעלמאן, פייוול אפפלבוים מיט זיין פרוי פריידע און פייוויש נאגלער — און אסתר'ס א זון. זי האט געקאנט יעדן איינעם אין דער געגנט, געוווסט אלע פארברעכנס וואס זיינען געווארן אפגעטאן אין משך פון דער גאנצער צייט. אין איינעם א טאג איז זי געקומען קיין בארשטשוו, אריינגעקומען צו די מיידלעך, זיך געהיסן מכבד זיין מיט א גלעזל בראנפן און דערקלערט, אז איצט וועט זי קאנען שטארבן, ווייל זי האט אפגעגעבן עדות וועגן די מארדן און גזילות, וואס זי האט צוגעזען. זי איז אהיימגעפארן קיין לאנאוויץ און דיזעלבע נאכט האבן באנדעראווצעס ארויסגעשלעפט זי און דערשאסן נישט ווייט פון איר הויז. יולציע קאטאמסקיע איז דעמלט אלט געווען איבער 70 יאר.

און אט וואס ריווציע מיט בראנציען האבן אליין געשריבן אין א בריוו צו זייערן א פעטער אין אמעריקע, — דער מאמעס א ברודער — נאך דער באפרייאונג:

„מיר בײדע זיינען געבליבן אזוי ווי שטיקלעך פון א צעבראכענער שיף, נישט אהין און נישט אהער. פון דעם גאנצן דארף זיינען געבליבן 9 נפשות. אברהם פעלדשו מיט זיין פרוי און קינדער און שמואל קאנס צוויי אייניקלעך, וועלכע זיינען געווען אין דער רויטער ארמיי פון יאר 1941. אויך אן אייניקל פון פייביש לייבהארט, א קינד פון שיינדלען אין סקאלע האט זיך געראטעוועט, זאנסט קיינער נישט".

אין דעם בריוו דערמאנען אפאר מאל די שוועסטער, אז אין לאנאוויץ מיט קאזאטשינע זיינען געווען פאר דער מלחמה 150 יידישע נפשות. הייגט זיינען אט די דערפער אינגאנצן „יודענריין".

רעטונג שווערער ווי טויט

בונציע פעלדשו פון לאנאוויץ (איצט אין ניו יארק) א מוטער פון פיר קינדער און קרוב צו 70 דערציילט:

איך האב חתונה געהאט קיין לאנאוויץ, געוווינט אונטערן בארג אויף דער זאסטאוויע אין א קליין שטיבעלע. שווער געהארעוועט, האב איך אויך זיך צונויפגעלייגט געלט אויף קויפן פעלד און אן אנדערע דירה. ביי דער דירה איז געווען א גארטן, אין וועלכן עס זיינען געוואקסן שיינעביימער, צווישן זיי א יאשין־בוים זייער א גרויסער. ווען מען האט אונז פון דארף ארויסגעטריבן, האב איך געוואלט מיר אפהאקן א צווייג פון דעם בוים, איז צו צו מיר הישקע פון אונטערן בארג — א פויער א הויכער אין א קוטשמע און שטיוול — און האט אנגעהויבן צו שרייען: „פארנעם זיך פון דאנעט, גענוג צו לעבן! ס'איז געקומען היטלער, ער וועט אייך אויסהרגענען". דער פויער הישקע איז געווען אן ארעמער און פלעגט געניסן פון מיין הילף. איך פלעג אים לייען געלט. הישקעס אידעם איז געפאלן פון די הענט פון זיינע חברים, ווייל זיי האבן זיך נישט געקאנט צעטיילן מיט די אנגערויבטע פארמעגנס פון די יידן.

איך האב געפירט די בעל־בית'שקייט, איך האב נישט דערעסן און נישט דערשלאפן. איך פלעג אויפשטיין גאנץ פרי און געגעבן עסן די בהמות. איינע פון זיי האט געהייסן „רוזשקע", די צווייטע „מאנקע". אויך האב איך אנגעפלעקעט קעלבעלעך. די בהמות האב איך אויסגעפלעקעט. אט די צוויי בהמות האט נאך הילטערס קומען צוגענומען נעסטאר וואלאשין, ימח שמו.

ווי נאר היטלער איז געקומען, זיינען אריין באנדיטן אין שטוב, האבן אלעס ארויפגעלייגט אויף א פור און מיר זיינען דורך א פענסטער ארויס. דער שכן וואסיל פאיאווסקי, וועלכער האט פון מיר נוצן געהאט און איך פלעג אים טאן גרויסע טובות, האט געהערט אונדזער גרויס געשריי און געוויין, אבער ער איז אפילו נישט ארויסגעגאנגען פון דער שטוב.

ווען מען האט מיך ארויסגעטריבן פון דער שטוב האט זיך אריינגעצויגן אהין א פויער פאוולא ליפקע. אז ס'איז געקומען זומער, פלעגט ער מיך נישט לאזן אפרייסן אן עפעלע. ער פלעגט זאגן: „גיי פון דאנען, ס'איז שוין נישט דיינס, נאר מיינס". מיכאשקע סטאכאטש איז געווען א גוטער פויער, נאר אויסבאהאלטן אונדז האט ער נישט געוואלט.

אזוי ווי מען האט ארויסגעטריבן די יידן פון לאנאוויץ בין איך געגאנגען קיין בארשטשווו. דאס לעבן איז געווען שווער, נאך א שטיקל ברויט האב איך געמוזט גיין קיין לאנאוויץ ביינאכט, צוועלף א זייגער. נישט איינמאל האט מען מיך געפאקט און מ'האט מיך געשלאגן. מיין מאן איז געווען א גלעזער, ער פלעגט אמאל האבן ארבעט, דערפאר האט ער באקומען פראדוקטן און ביינאכט האבן מיר דאס געדארפט אהיימטראגן. די קינדער האבן ביטער געוויינט ביז זיי האבן אונדז צוריק געזען אין בארשטשווו מיטן לעבן.

דערנאך, אז בארשטשווו איז געווארן „יודענריין", זיינען מיר אנטלאפן אויפן פעלד. איך האב געפונען א יתומה'לע מיט אירן א פעטער, וועלכער האט געשטאמט פון די הוצולן און האט אונדז אריינגעלאזט אין א קופע האלץ. מיר זיינען דארט געזעסן אין די גרעסטע פרעסט. איינמאל זיינען אוקראינישע מיליציאנטן אראפגעקומען זוכן יידן. זיי האבן געזוכט אויף דער פאדווירע און מיר האבן זיי געזען דורך די שפארעס. זיי זיינען שוין געווען נאענט צו אונדז. דערווייל האט איך מיליציאנט געזען לויפן פויערים, האט ער געמיינט, אז דאס זיינען יידן, זיינען די מיליציאנטן נאכגעלאפן די פויערים און מיר זיינען געבליבן לעבן. דערנאך האט די יתומה מיט איר פעטער גרויס שרעק געהאט און זיי האבן געוואלט, מיר זאלן פון דארט אוועקגיין. ארום דריי וואכן האבן מיר געוואנדערט און האבן נישט געהאט ווו אנידערצולייגן דעם קאפ. דערנאך זיינען מיר צוריקגעקומען און האבן קוים אויסגעבעטן א שטיקל פלאץ צו בא־

האלטן זיך. די יתומה האט אונדז צוריק אריינגעלאזט אין דער קופע האלץ. דורך די שפארעס האב איך געזען ביינאכט, וו עס פלעגן גיין נאך עסן צו פויערים מאיר נאגלערס טעכטער אסתר מיט בראנציע. אין דעם ווינקל (די פאמניערקעס) פלעגן זיך אויך ארומדרייען משה קימעלמאן און פייוויש נאגלער. דערנאך האב איך געהערט זייערע געשרייען, ווען מ׳האט זיי געמארדעט. די פויערים אליין פון דעם דארף האבן זיי געהרגעט — טאראס זשארע און ווידיוק.

ווען די רוסישע פארטיזאנקע איז געקומען און די יידן זיינען ארויס פון די באהעלטענישן, האבן זיי די באנדעראוועס צום רעשט אויסגעהרגעט.

אברהם פעלדשו, א גלעזער, איבער 70, דערציילט:

נאך דער ערשטער מלחמה האבן אנגעהויבן אונטערצוגיין די פרנסות פון פראפינאציעס, קרעטשמעס. יידן אין דארף האבן איינגעזען, אז ערד איז זייער השוב. מ׳האט אנגעהויבן אוועקווארפן לופט־מסחרים און זיך גענומען צו ערד־ארבעט. אין דארף זיינען געווען צוויי הויפט־מיינונגען וועגן דער צוקונפט פון יידן. חנינה אויערבאכס מיינונג איז געווען, אז מ׳דארף ארויספארן קיין אמעריקע אדער קיין ארץ־ישראל. דאקעגן זעליג קימעלמאן איז געווען ביי דער מיינונג, אז יידן דארפן בלייבן דא און פארנעמען זיך מיט ערד־ארבעט. ער פלעגט זאגן: „וואס הייסט דען ארץ־ישראל? ערד און יידן! אויב יידן וועלן זיך פארנעמען מיט ערד־ארבעט, וועט דא זיין ארץ־ישראל.

אין לאנאוויץ זיינען געווען צוויי קלויזן: אין איין קלויז האט מען געדאוונט מנחה און אין דער צווייטער האט מען געדאוונט מעריב. אין דער לאנאוויצער קלויז איז געווען גבאי זעליק קימעלמאן און אין דער קאזאטשינער קלויז פייביש לייבהארט.

מיין פעלד האב איך אליין באארבעט, איך האב אליין געאקערט, געזייעט און געשניטן. זומער ווען די זון האט געווארימט און די היץ איז געווען גרויס, בין איך געשטאנען אין פעלד מיט מיין גאנצער משפחה און געשניטן די תבואה. אט דאס פעלד האט מיר היטלער צוגענומען, געמאכט מיך אויס בעל־הבית.

(פארצייכנט 1946 דורך בן־ציון פעלדשו)

יצחק ניימן

פון זיבעציג געבליבן דריי

דער גורל פון די יידן אין הליבאטשאק

אין 1936 בין איך געווען פריוואט־לערער אין הליבאטשאק. איך האב דארט געלערנט די קינדער עברית און תנ״ך. דאס דארף געפינט זיך 7 ק״מ פון אזיעראן. די הייזער זיינען געבויט אויףביידע זייטן שטראז (שאסיי). אויף איין זייט האבן געוווינט פאלאקן, אויף דער אנדערער בלויז אוקראינער. יידן האבן געוווינט ס׳רוב אויף דער אוקראינישער זייט. די וועגן זיינען געווען שלעכטע, אסיען־צייט האט מען נישט געקאנט ארויסציען די פיס פון דער בלאטע און מען האט געמוזט אנטאן הויכע שטיוול.

אין דארף האבן געוווינט בערך 60—70 יידן. דאס זיינען געווען די משפחות פאלקענפליג, שווארצבאך, משה שעכטער און אביגדור קאלמוס, מער, פלאם. באשעפטיקט האבן זיי זיך מיט האנדל. פאלקענפליג און קאלמוס זיינען געווען בהמה־סוחרים, משה שעכטער האט געהאט א שניט קראם, אביגדור קאלמוס האט צוזאמענגעקויפט אייער, שווארצבאך האט געהאלטן א פראפינאציע און זיין איידעם האט געהאט א שפעצעריי־געשעפט.

די הייזער פון די יידן זיינען געווען טיפיש דארפיש, נידעריקע שטיבער. פאלקענפליג און קאלמוס האבן געוווינט אין הייזלעך מיט שטרויענע דעכער. שווארצבאך האט געהאט א הויז ביים שטראז — מיט א ווערענדע — מען האט געמערקט, אז דאס איז א

גאספאדע. דארט האט מען געקענט איבערנעכטיקן, באשטעלן א מיטאג.

שעכטער האט געוווינט אין איינעם פון די שענסטע הייזער אין דארף און איז געווען באליבט ביי קריסטן צוליב ארנטלעכקייט אין האנדל. „דער ייד שעכטער איז נישט קיין שאכריי" — פלעגט מען זאגן אין דארף.

די עלטערן האבן זיך באמיט צו שיקן די קינדער אין דער גימנאזיע קיין בארשטשעוו.

די יוגנט איז געווען פארגעשריטן. הערש שווארצבאך, יאסיע פלאם האבן געענדיקט גימנאזיע. משה שעכטערס טאכטער האט שטודירט אין ווין פארמאציע, לאטע שווארצבאך איז געגאנגען אין גימנאזיע. שעכטערס איינציקער זון בוניע איז אויך געגאנגען אין גימנאזיע. אין דארף איז געווען א שול, וווהין די יוגנט צוזאמען מיט די עלטערן זיינען געגאנגען דאווענען.

א יעדן יום טוב האט די יוגנט איינגעארדנט „נשפים" און מען האט פארבעטן די יידישע יוגנט פון אזיעראן און אנדערע ערטער אין דער סביבה. די הכנסה איז געווען באשטימט פאר „עזרה" (הילפס־פאנד פאר חלוצים) און פארן קרן קימת לישראל.

די גאנצע יוגנט איז געווען א ציוניסטישע, געהערט ס'רוב צו דער „גורדוניה" און צום „התאחדות".

אברהם שווארצבאכ'ס אידעם האט זיינע קינדער דערצויגן אסימילאטאריש. גערעדט מיט זיי פויליש, פארבראכט אין געזעלשאפט פון פאלאקן. צו אים זיינען אפט געקומען געסט פון דער קריסטלעכער אינטעליגענץ.

אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע האבן די יידן פון הליבאטשאק פונקט ווי אין בילטש געליטן צוגלייך ווי אלע אנדערע יידן פון דער געגנט און האבן נישט געפונען קיין שוץ ביי די פויערן, הגם זיי האבן אלע יארן מיט זיי גוט געלעבט. די פויערן פון הליבאטשאק זענען געווען פארמעגלעך.

די יידישע באפעלקערונג איז אומגעקומען אין „אקציעס", געראטעוועט האבן זיך בלויז לאטע שווארצבאך, לאטע קאלמוס און יאסיע פלאם. אין דער צייט ווען ס'איז געווען א לאגער פון „קאך־סאגיז" אין הליבאטשאק, האט לאטע שווארצבאך צוזאמען מיט לאטע קאלמוס געארבעט אין קיך. דאס איז געווען א קיך פארן ארבעטס־לאגער און פאר פוילישע טראקטאריסטן. אין יענער צייט האט זיך אויך יאסיע פלאם געפונען אין דער ברויעריי צוזאמען מיט דער משפחה מער.

די שוועסטער פון לאטע קאלמוס — לעניא איז דערשאסן געווארן דורך אן אוקראינישן מיליציאנט, וואס איז געווען פון דער דארטיקער באפעלקערונג און האט דעם מיידל צוגעזאגט, אז ער וועט איר קיין שלעכטס ניט טאן. לאטע שווארצבאך און יאסיע פלאם האבן זיך נאך דער ליקווידאציע פון לאגער פארבונקערט ביי א פויער — און זיי האבן איבערגעלעבט ביז צו דער באפרייטונג. זיי האבן דערנאך חתונה געהאט. איך האב זיי געטראפן אין בערלין. זיי זיינען באלד אוועק קיין אמעריקע. לאטע קאלמוס האט א פאלאק אין הליבאטשאק אויסבאהאלטן בתנאי, אז זי וועט מיט אים חתונה האבן. זי האט דעם צוזאג געהאלטן.

אויפקלערונג וועגן אזיעראנער יודענראט
לויט אינפארמאציעס פון צבי פענסטער

דער אזיעראנער יודענראט האט עקזיסטירט נאר אין משך פון איין יאר. די צאל מיטגלידער האט זיך געוואקלט צווישן 7 און 9. דער פארזיצער איז געווען מענדל מייבערגער, וויצע־פארזיצער אליעזר ריינשטיין. דער מיטגלידער צוזאמענשטעל האט זיך נישט איינמאל געביטן — א טייל האבן זיך אויסגעקויפט, אנדערע האבן זיך איינגעקויפט און באצאלט פאר דעם „כבוד" גרעסערע סומעס געלט. דאס זעלבע איז אויך געווען דער פאל אין ארדנונגסדינסט, וועלכער איז באשטאנען פון 10 ביז 12 מיטגלידער.ביידע אינסטיטוציעס — טראגישע אינסטרומענטן פון דער דייטשע געטא־פאליטיק האבן דא, נישט געקוקט אויף א פאר אויסנאמען, אויפגעהיט א ניצוץ פון מענטשלעכקייט.

רחל אויערבאך

די געזעגענונגס־נסיעה

(ווען דער זיידע מיט דער באבע זענען געפארן קיין ארץ ישראל)

ביי אונדז אין דער היים פלעגט מען דערציילן א מעשה, וויאזוי מיין מאמעס זיידע מיט דער באבע זיינען אויף די עלטערע יארן געפארן קיין ארץ ישראל. זיי האבן שוין געהאט אויסגעגעבן אלע קינדער, פארטיילט ביים לעבן די ירושה און פארן לאזן זיך אין וועג אריין, זיינען זיי א גאנץ יאר ארומגעפארן זיך געזעגענען מיט די קרובים און גוטע פריינט.

וואס דאס געזעגענען זיך האט אזוי לאנג געדויערט איז נישטא זיך וואס חידושן. דער מאמעס זיידע־באבע האבן געהאט צען קינדער און אייניקלעך מיט אור־אייניקלעך האבן זיי שוין צו יענער צייט געהאט אפשר א פופציק־זעכציק — אלע צעשאטן און צעשפרייט איבער די דערפער און שטעטלעך פון גאליציש פאדאליע.

זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אין וועג אריין נאך פסח און צו וועמען זיי זיינען געקומען, האבן זיי זיך אביסל אפגעשטעלט. ביי איין זון זיינען זיי געזעסן און געווארט אויף דער חתונה פון זיינס א זון; ביי א צווייטן אויפן ברית פון אן אייניקל. אויף איין ארט האבן זיי געהאלטן שבת און אויף א צווייטן געבליבן איבער שבועות. צום „איוואן" זיינען זיי אריינגעפארן קיין לאשקעוויץ אויפן יאר יאריד, זיך נאך איינמאל זען און געזעגענען מיט א וועלט. ארומשפאצירט צווישן די בוידן, ווו גויים האבן איינגעקויפט גלעקער פאר קלויסטערס און ייִדן — זילבערנע לייכטער, לעפל־גאפל, חתונה־מלבושים אויף א גאנצן לעבן, ווו קינדער האבן צום ערשטן מאל אין זייער לעבן געזען א „קאמעדיע", און ווו דער זיידע מיט דער באבע האבן נאך א וויכוח פון יארן, לויט דעם ווונטש פון זייערע קינדער, זיך צום ערשטן מאל אין לעבן געלאזט פאטאגראפירן.

סוף זומער, ווען אין די סעדער האט גענומען רייף ווערן די שפע און די נעכט זיינען געווארן קילער, זיינען זיידע־באבע אנגעקומען קיין זארוואניצע, ווו עס איז פארגעקומען א „ווידפוסט" און עס זיינען זיך צונויפגעקומען יידישע הענדלער און להבדיל גוישע בעטלערס און קאליקעס פון גאנצן קאנט, וואס דער זיידע האט געקאנט יעדן אינעם פון זיי מיט זיין נאמען און זיין פזמון.

א וואך נאך „ספאס" האבן זיך די אלטע לייט געמוזט אפשטעלן ביי א שוואגער אין א דארף ביים דניעסטער, ווייל די קליאטשע זייערע האט זיך דא „אויפגעבונדן". דערנאך איז מיט זיי מיטגעלאפן אין ווייטערדיקן וועג א לאשיקל. אלול־צייט האבן זיי זיך געצויגן קיין בילטש ביים סערעט, ווו דער באבעס זיידע האט מיט דער גנאד פון פירשט סאפיעהא געהאט אויפגעשטעלט א קלויז. דארטן האבן זיי אין זייער ערשטער צייט געגעסן קעסט, די ערשטע קינדער אויף דער וועלט געבראכט און דארט האט זיך איצט דער זיידע נאך איינמאל געשטעלט דאווענען פאר די דארפס־יידן צו ימים נוראים.

עס זיינען אנגעקומען די חשוונדיקע קורצע טעג, די לאנגע נעכט, די גרויסע רעגנס און די בלאטעס. האבן זיך זיידע־באבע איבער דער צייט אביסל אפגערוט ביי דער יונגסטער טאכטער אין פראבוזשנע, געווארעמט זיך די ביינער ביי דער אויסגעהייצטער הרובע; געשפילט חנוכה מיט די אייניקלעך אין באלאנטש, געגעסן קנישעס מיט גריוון און געטיילט חנוכה־געלט. מען האט געמוזט צווארטן ביז די בלאטע וועט פארפרוירן ווערן; ביז עס וועט אויספאלן א שניי, מען זאל קאנען פארן ווייטער מיט א שליטן. די באבע האט אנגעטאן דאס פייענע פוטער, וואס זי האט נאך געהאט פון דער חתונה; דער זיידע האט ארויפגעצויגן אויפן לייב־פוטער א שעפסענעם טולופ מיט א גרויסן קאלנער, אנגעטאן א קוטשמע אויפן קאפ און האט אויסגעזען ווי א פוילישער דידיטש פון דער געגנט.

פורים האבן זיי פארענדיקט די נסיעה. דער זיידע איז אריינגעפארן אויף א שבת צום הוסיאטינער רבי'ן; די לעצטע וואכן האבן זיי פארבראכט אין לא־נאוויץ אין אייגענעם הויז, וווּ עס איז געבליבן אלס יורש און בעל הבית דער יונגסטער זון. באלד נאך פסח זיינען זיי — ארויסבאגלייטע דורכן גאנצן דארף יידן און גוים — אוועק מיט אקס קיין טארנאפאל און פון דארט שוין מיט דער באן ביז צו דער שיף...

און דאס איז די מעשה פון דער געזעגענונגס־נסיעה פון מיין מאמעס זיידע־באבע אין יענע צייטן, ווען גאליציע האט געהערט צו עסטרייך־אונגארן און איבער דער מדינה האט געקיניגט העכער 50 יאר אין שלום דער קייזער און קעניג, וואס די יידן האבן אים גערופן פראים־יאסל.

מיט דריי דורות שפעטער

דור הולך ודור בא — פון דעמלט אן זיינען אוועק דריי דורות. מיין עלטער־זיידע מיט דער עלטער־באבע האבן זיך געהאט מיט וועמען צו געזעגענען, ווען זיי זיינען געפארן קיין ארץ ישראל, כדי דארט אויסצושפינען די לעצטע פרשה פון זייערע געבענטש־טע טעג. זיי האבן אויך פארמאגט דערצו די שלוה און מנוחה. עס זיינען אבער אוועק די יארן און צו יידישער שלווה און מנוחה איז א סוף געקומען.

פון דעם ברייט־פארווארצלטן שטאם זיינען נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה פארבליבן בסך הכל דריי אור־אייניקלעך אין פראנקרייך און איטאליע; אין גאנץ פוילן זיינען געבליבן לעבן פינף נפשות. אין דארף לאנאוויץ, ביים טייך ניטשלאווע, ווו דער שורש האט געווארצלט, האבן די דייטשן און אוק־ראאינער אויסגעהרגעט אלע מומעס און די פעטערס מיט זייערע קינדער און קינדס־קינדער פון דער מאמעס צד. אין טשארטקאוו און אזיעראן, אין מילניצע און אין קריוועטש זיינען דער־מארדעט געווארן אלע נאענטערע און וויטערע קרו־בים פון דעם טאטנס צד. גאר די נאענטסטע זיינען געווארן אומגעבראכט אין לעמבערג.

פון מיין טאטע־מאמעס הויז בין איך די סאמע לעצטע. בעת איך האב זיך מיט ניין יאר צוריק גע־גרייט אין וועג אריין קיין ישראל, האב איך שוין נישט געהאט קיין משפחה, מיט וועמען צו פארן זיך גע־זעגענען.

און דאך בין איך געפארן זיך געזעגענען צו עמיצן פון מיין טאטע־מאמעס דארף, ווי איך וואלט צום לעצטן מאל אויף קבר אבות געפארן צו מיין פארלענדטער היים.

ראכעלע און אניעלא

עטלעכע צענטליק האלב־אוקראיניזירטע פוילישע משפחות האבן געלעבט אין אוקראאינישן דארף לא־נאוויץ און צווישן זיי איז דער קאוואל שטשעפאן דאברוצקי געווען אונדזער נאענטסטער שכן. ער האט געהאט אכט קינדער. מיין ברודער און איך (מיר זיינען געווען בלויז צוויי) האבן זיך מיטן קאוואלס קינדער געשפילט, געחברט; געהאט צווישן זיי די ערשטע קאלעגן און פריינט. אויך אונדזערע עלטערן האבן אנגעהאלטן גוט־שכנישע באציאונגען. די פאר־שידנקייטן פון רעליגיע, מנהגים, נאציאנאליטעט, האבן געהאט זייער פעסטע ראם און האבן נישט געש־טערט אין די באציאונגען, וואס זיינען אויך פון זייער פארויס־באשטימטער ראם קיינמאל נישט ארויס.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און די דריי יאר רוסישע אקופאציע, האבן די דאברוצקיס, אין טעג פון קאזאקישע איבערפאלן, רויבערייען — אויס־באהאלטן אונדז און אונדזערע זאכן. צוזאמען האט מען איבערגעלעבט די „ריקצוגן" און די „באפרייאונ־גען". פאר אונדז קינדער איז דאס געווען א וואונדער באר־ראמאנטישע צייט — די צייט פון אונדזער ערשטן אויפבלי.

נאך דער מלחמה האבן ביידע משפחות פארלאזט דאס דארף. די עלטערן זיינען געשטארבן. די קינדער פון ביידע משפחות האבן נאך א שטיק צייט אנגע־האלטן דעם קאנטאקט; ער איז אבער געווארן וואסאמאל לויזער. ביז עס איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה, די יארן פון דער אויסראטונג. יידן האבן געפרווט זיך ראטעווען צווישן פאלאקן. אין אט איז געקומען א מאמענט זיך צו דערמאנען וועגן די אמאליקע פוילישע שכנים, ווען איך בין אין יאר 1943 ארויסגעגאנגען פון ווארשעווער געטא אויף דער „ארישער זייט" און געדארפט זיך צו־קלייבן א נאמען, האב איך נישט לאנג געטראכט.

מיין נאענטסטע חברטע פון די געשוויסטער דאברוצקי, האט געהייסן וולאדזיא, אבער דער דריי־זילביקער נאמען פון איר יונגסטער שוועסטער אניעלא איז אסך בעסער געווען צוגעפאסט פאר מיר. דיזעלבע דריי וואקאלן א־ע־א: אניעלא־ראכעלא. אט אזוי האט זיך אין א געוויסן ערב־פרילינג טאג פון פערטן מלחמה־יאר באוויזן אויף די גאסן פון ווארשע אן ארעמע פריצה׳טע מיטן נאמען „אניעלא דאברוצקא”.

דער נאמען האט מיר געבראכט גליק. איך האב זיך אליין אדאפטירט צו דער משפחה דאברוצקי און דאס האט מיר אסך געהאלפן אין געשטאלטיקן מיין ארישע פערזענלעכקייט. איך האב מיטגענומען מיט מיר אויף דער פוילישער זייט פאמיליען־פאטאגראפיעס פון די דאברוצקיס און פלעג זיי ווייזן אלס בילדער פון מיין משפחה. פאקטן פון זייער משפחה־קראניק פלעג איך אנגעבן אלס מיין אייגענע פארגאנגענהייט. איך האב געוווסט ווער איך בין; איך האב גארנישט געדארפט אויסטראכטן. צוליב מיין פארברענגען אלס קינד אין דער סביבה פון די פוילישע שכנים, בין איך געווען באהאוונט מיט קריסטלעכע מנהגים, געקאנט אויסנווייניק פוילישע תפילות, פאטריאטישע לידער.

אלע „מיסברויכן” מיט דער פאמיליען־טראדיציע פון די דאברוצקיס האב איך אויסגעפירט מיטן רואיקסטן געוויסן. איך בין געווען זיכער, אז וואלט איך געהאט א קאנטאקט מיט זיי, וואלטן זיי גרייט געווען צו טאן אלץ, כדי מיר צו העלפן זיך ראטעווען.

פאן יאן

די מלחמה האט זיך געענדיקט. ערגעץ סוף 1948 האט זיך באוויזן אין א פוילישער צייטונג א נאטיץ וועגן א רעפעראט פון רחל אויערבאך אין א יידישן קלוב אין ווארשע. מיט א פאר וואכן שפעטער איז אנגעקומען צו מיר א בריוו פון גניעזנא. יאן דאברוצקי, דער ראש פון דער משפחה, האט אנגעפרעגט דורך דער פארמיטלונג פון יידישן צענטראל־קאמיטעט, צי רחל אויערבאך איז נישט אמאל „דיזעלבע”־חנינא׳ס טאכטער פון לאנאוויץ. מיט א וואך שפעטער איז ער שוין געווען מיין גאסט אין לאדזש. א טאג מיט א נאכט איז מען געזעסן און מען האט דערציילט אנאנד וואס מען האט איבערגעלעבט. אויך דאס פוילישע צד האט גענוג מיטגעמאכט. יאן מיט זיינע נאענטע איז געווארן פארטריבן דורך די דייטשן פון פויזנער קאנט און ער אליין איז שיר נישט געפאלן א קרבן פון די עגזעקוציעס, וואס זיינען געווארן אויסגעפירט אויף פוילישע קאלאניסטן פון די געוועזענע „דייטשע” געביטן. איינער א ברודער איז אומגעקומען אין א קאנצענטראציע־לאגער. איין שוועסטערס מאן איז געפאלן אין די שלאכטן פון 1939. געווען אויך נאטירלעכע טויט־פאלן. דאך איז די משפחה געבליבן משפחה. זיי האבן זיך רעפאטריאירט קיין מערב־פוילן, זיך קאנצענטרירט אין דער געגנט פון גניעזנא.

אין אונדזער געשפרעך זיינען מיר אויך אריבערגעגאנגען צום אמאל. זינט איך שרייב — שרייב איך א ראמאן וועגן לאנאוויץ. עס פעלן מיר נאך א ריי געשטאלטן. געווען אין לאנאוויץ אזא ייד, א גבור — יאנטשע פייערשטיין. ער איז אפגעפארן קיין אמעריקע איידער איך בין אויף דער וועלט געקומען. איך ווייס וועגן אים בלויז פון די מעשיות און אנעקדאטן, וואס מען פלעגט דערציילן און זיין געשטאלט האט מיך תמיד אינטערעסירט ביז גאר. אויך יאן האט אים געקאנט; ער האט זיך געחברט מיט זיינע זין. ער רופט אים „יאנטשוק”. ער דערציילט מיר אלץ וועגן זיין יחוס און וועגן זיין אויסטערלישן כאראקטער. יאן האט קיינמאל וועגן קיין ראמאן נישט געטראכט, אבער די אלטע וועלט לעבט אין זיין זכרון, אין זיין געמיט. פארן אפפארן נעמט ער ביי מיר דאס ווארט, אז איך וועל נישט פארלאזן פוילן, איידער איך וועל קומען זיך זען און געזעגענען מיט די אנדערע משפחה־מיטגלידער.

איך פאר ארויס אין פארלעצטן אוונט פאר נייאר. ביז איצט איז געווען א לינד וועטער. ווי איך קום אבער אן קיין גניעזנא, ליגט אויף די גאסן א פריש־אויסגעפאלענער, טיפער שניי. איך האב גערעכנט דא צו בלייבן בלויז א האלבן טאג און באלד ארייננפארן קיין סוכארי, זען די אנדערע משפחה־מיטגלידער, אבער דער פאן יאן, וואס איז אמאל געווען מיין לערער אין דער לאנאוויצער שול, דער ערשטער, וואס האט מיר געוויזן א צורת אות, פסקנט

אז איך מוז בלייבן נעכטיקן אין גניעזנא, באזוכן די קאטעדרע, וווּ מען פלעגט קרוינען די פוילישע קעניגן; זיך געגטער באקענען מיט זיין צווייטער פרוי, מיט וועלכער ער האט חתונה געהאט נאך דער מלחמה, ווי אויך מיט דער אלמנה פון זיין אומגעקומענעם ברודער; מיט אירע צוויי אונטערגעוואקסענע קינדער, וועלכע ער, דער קינדער־לאזער יאן, האלט ביי זיך.

אויף צומארגנס געפינט אין פאני מ י כ א ל י נ א, אז איך בין צו לייכט אנגעטאן פאר דעם פראסט, וואס האט זיך געשטעלט אינצווישן. זי פוצט מיך אויס אין אירע א פאר „קאפצעס" און אין א פוטערנער קאפוזע, אין וועלכער איך באקום ביי־אנייס דאס אויסזען פון א פוילישער אניעלא, א שוועסטער פון דער זעלביקער משפחה. דער פאן יאן טוט אן א שוויטקע מיט א קאראקולן קוטשמעלע און פארט מיט מיר מיט מיטן שמאלרעלסיקן באנדל קיין סוכארי.

פארנאכטן־ליכט

מיר קומען אן קיין סוכארי ארום 2 בייטאג. די ווירטשאפט איז א גרויסע. פאראן זיבן קי, עטלעכע קעלבלעך, א כליעוו חזירים, א הויף מיט הינער און געגדז, צוויי פאר פערד. עס ארבעט דעם טאג א דרעש־מאשין. קלאר, אז פארזאמלען זיך און שמועסן געמיטלעך, וועט מען קאנען ערשט אין אוונט.

דער בעל הבית און ראש פון דער משפחה איז דא דער עטלעכע־און־דרייסיק־יאריקער פ ר א נ ע ק, א זון פון יאנס עלטסטער שוועסטער פ א ל ו נ י ע. פאלוניע איז געבליבן אן אלמנה; זי לעבט ביים זון. פראנעק און זיין פרוי מ א ר ט א האבן דריי קינדער.

איך קוק זיך צו צו די קינדער און איך לעב איבער א מאדנעם געפיל. דאסזעלבע געפיל האב איך שוין געהאט אין גניעזנא, בשעת איך האב געזען די קינדער פון דעם אומגעקומענעם פ י ל י פ. סיי דא, סיי דארט איז מיר די מאמע פון די קינדער פרעמד און אומבאקאנט, אבער נישט די קינדער! פראנעקס קליינע זין זיינען מיר אפשר היימישער און מער באקאנט פון אים גופא, א געעלטערטן און אוועקגעוואקסענעם אין משך פון די יארן, אין ריכטונג פון זיין פאטערס שטאם. די קינדער פוןביידע משפחות זעען אבער אויס כמעט פונקט אזוי, ווי זייערע טאטעס, זייערע מומעס און פעטערס האבן אויסגעזען ד ע מ ל ט.

דעמלט, מיט העכער פינף און דרייסיק יאר צוריק, ווען איך האב מיט זיי צוזאמען געקלעטערט אויף דיביימער, זיך געבאדן אין דער ניטשלאווע און ארומגעלאפן א בארוויסע איבער א ליכטיקער וועלט.

פאלוניא, די באבע פון די קינדער אין סוכארי זעט איצט אויס, ווי עס האט דעמלט אויסגעזען די טייערע אלטע „דאבראצקין" — איר מאמע. און איך זע אוודאי אויס אין אירע אויגן אזוי ווי זי האט פארגעדענקט מיין מאמען, וועלכע איז נאך אין לאנאָוויץ געשטארבן. זי געדענקט מיין מאמעס זאגענישן וועגן פארשידענע זאכן, אירע עצות בנוגע קאכן און באקן, אירע היימישע רפואות. זי קוקט אויף מיר און הויבט פון צייט צו צייט דאס פארטוך צו די אויגן. זי איז סאמע הארץ — מאמע און באבע — און מיט א טייל פון איר הארץ באשענקט זי אויך מיך, דעם זכר פון מיין מאמען, פון מיין ברודער — דעם טראגישן גורל פון מיין ברודערס קינדער, הגם זי האט זיי קיינמאל נישט געזען. זי איז טיף גערירט דערפון, וואס איך האב אין מיטן פאקן זיך צום פארן געמאכט אן אנשטרענג, דערפולט איר ווונטש מיך נאך אמאל צו זען אין לעבן.

— א גוטע פרוי, א גוטער מענטש געווען די כאינעכע, דיין מאמע — חזרט איבער פון צייט צו צייט פאלוניע. ביי איר האבן די מענטשן נאך ביז איצט נישט אויפגעהערט צו טיילן זיך אויף גוטע און אויף שלעכטע. און צי האט דען באמת דער דאזיקער חילוק אויפגעהערט צו זיין דער סאמע וויכטיקער?

אויף מיטאג קאכט פאלוניע א יום טובדיק מאכל פון אונדזער דארף, וואס יידן פלעגן דאס קאכן לכבוד ראש חודש — ווארעניקעס מיט הרעטשענער קאשע און מיט קעז. אויף וועטשערע קאכט זי דאס באליבטע מאכל פון מיינע קינדער־יארן — קולעשע מיט מילך. זיי האדעווען מיך א גאנצן טאג מיט עפל און בארן, וואס מען ברענגט ארויף פון קעלער און מען האט זיי פון דעם אייגענעם סאד. זיי פאקן מיר אן א פול רענצל מיט ניס, כדי איך זאל האבן אויפן וועג קיין לאדזש, אבער דער עיקר אויפן וועג אהין אויף

דער גרויסער רייזע קיין „פאלעסטינע", אין הייליקן לאנד.

און ווייל זיי ווייסן, אז איך האב נישט קיין קינד קיין רינד, זיינען זיי נאך ווייכער און נאך צערטלעכער צו מיר. זיי הייצן אויס א צימער מיט האלץ און איך הער קנאקן די שטשאפעס אין אויוון. פאלוניע ברענגט מיר צום איינדעקן די פיס אירן א פוכיקן שאל און זעצט זיך אוועק אויפן ראנד פון בעט. אין שטוב שמעקט מיט עפל, מיט געטרוקנטע שוואמען, וואס הענגען אין קרענצלעך אינטערן סופיט. עס גייט אוועק די דריטע, צי אפשר טוין די פערטע סדרה דערמאנונגען. פאלוניע געדענקט אזוי גענוי פארשידענע זאכן. אלע ווילע קומט א זיפץ מיט א טרער און אט איז ווידער אונדזער ביידנס געלעכטער פון עפעס אן אמאליקן טיפ אין אונדזער דארף. זי געדענקט די נעמען און אויך די צונעמען פון די גוים און די ידן, וואס איך האב נישט איינמאל אומזיסט זיך געפרוווט דערמאנען פאר מיין ראמאן.

איך ווער אנטשלאפן מיטן נאמען פון א דארפישער יתומה, א פאסטושקע פון גענדז, וואס פלעגט אין לבוה־נעכט שפאנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט איבער דעכער, איבער פלויטן. ביז עס האט זי איינמאל ווער אויפגעוועקט בשעת'ן נאכטוואנדל און זי איז אראפגעפאלן און זיך דערהרגעט.

זי האט געהייסן, ווי פאלוניעס יונגסטע שוועסטער — ווי איך האב געהייסן א צייט לאנג — אניעלא...

גאנץ פרי דערלאנגט מען מיר אין בעט אריין פריש געפראזשעטע מילך און מען דערלאנגט מיר נאך עפעס, אומענדלעך זיסערס און פרישערס; די פיר־יאריעק מעזינקע פראנעקס — סטאשיע.

נישט סטאשיע, נישט אירע ברידערלעך, האבן שוין אין זייער לעבן קיין ידן נישט געזען און זיי ווייסן זיך נישט צו חידושן, וואס איך בין צו זיי צו גאסט געקומען. איך בין ביי סטאשיען א „טשיאטשע" גליך מיט אלע „טשיאטשעס". זי פרעגט מיך, צי איך קען מעלקן קי און איך נעם איר דערציילן

א מעשה וועגן מיינער א לאנאוויצער קאץ, וואס האט געפירט מלחמה מיט אן אינדיק און דערביי אן אויג פארלוירן, און א צווייטע מעשה וועגן א קאטער א ווילן יונג, וואס האט איינמאל מרגז געווען א קאפיטאן פון פוילישן מיליטער און דערנאך האט מען אים אליין גערופן קאפיטאן. די מעשיות פלעג איך דערציילן מיין ברודערס קינדער, ווען זיי זיינען קליין געווען — ווען זיי זיינען נאך אויף דער וועלט געווען...

פאלוניע איז היינט אויפגעשטאנען נאך פריער, ווי אלע טאג, כדי זיך אפצושפארן ווידער אביסל צייט פאר מיר. זי ארבעט שווער. זי וויל פארשווינען די שנור, פארהיטן דעם זון, דערגאדזען די איינקלעך — כל זמן זי לעבט. איר גאנץ לעבן איז א ליבעס־דינסט, אזוי ווי עס איז פאראן א גאטעס־דינסט. די מלחמה, די שרעקלעכע רציחות, האבן נישט געענדערט אויף קיין האר איר הארץ — אפשר מיט נאך מער חסד און רחמנות אנגעפילט איר מוטערלעך געמיט. זי גייט פון דער שטוב, פון דעם הויף, כמעט קיינמאל נישט ארויס. אפילו אין קלויסטער אריין גייט זי בלויז אפאר מאל אין יאר.

נאר מיך צום באנדל באגלייטן גייט פאלוניע. עס איז ממש א געשעעניש פאר דער משפחה. די צווי ברידערלעך זעצן ארויף דאס קליינע שוועסטערל אויף א שליטעלע צוזאמען מיט מיין רענצל. זיי לויפן פארויס. יאן דאברוצקי, א פארטראכטער, א הויכער, אביסל אן איינגעבויגענער, שפאנט פון הינטן. איך מיט פאלוניען, געארעמט, גייען אינדערמיט. פראנעק איז צוריקגעגאנגען צו דער דרעש־מאשין. מארטא שטייט נאך א ווילע ביים טויער און מאכט מיר נאך מיט דער האנט א געזעגנונגס־גרוס.

אט אזוי לאזט מען זיך אוועק פארנאכט צו דער באן־סטאציע — בשעת איבערן שניי־באדעקטן פאמארזשער דארף, וואס איז א מין גילגול פון אמאליקן לאנאוויץ — פארגייט פיאלעט און טרויעריק די זון. אט באלד וועל איך זיך געזעגענען אויף אייביק מיט די לעצטע פריינט מיינע פון יענעם דארף.

השמטות והוספות

בעמ' 24 בסופו חסרה הערה:

יעקב פראנק, ראש הכת, היה יליד קורולובקה שכנתנו הקרובה, ששמשה קן פרנקיסטי מסוכן.

בעמ' 145 להערה מס' 7 יש להוסיף בסופה השמטה זו:

כאלו על סדר „שמות הרבנים זקני־לשון־הקדש" לראב"ע (בספרו „מאזנים") היה שולבוים מעיר ומשיג על קצת מדבריהם ובכללם על הראב"ע עצמו לספר „היסוד" שלו. אגב כך היה דוחה או מרכך התקפות קשות של ר' אברהם אבן־עזרא על ר' יונה אבן־ג׳נאח עקב סטיות מן המסורת המקראית והצעות תיקונים וחילופיהם.

שולבוים העריץ את הראב"ע גם בעבור היותו ראשון לחכמי־ספרד שכתב עברית ספרי־דקדוק ועניני לשון, אך לא מחל לו את שילוב פגיעותיו המרות בר' יונה אף בפירושיו לכתבי־הקודש, בעוד הראב"ע עצמו הציע באותם פירושים תיקונים וחילופים בדרך הרמז שלו — זו שמעתי מפי פרופ' קלויזנר כשנה לפני מותו, לפי מה שקבל מחכמי גליציה לפני מלחמת העולם הראשונה וקודם כל משמעון ברנפלד ודויד ניימארק בברלין וש.מ. לזר בקראקא מ.א.ט.

בעמ' 182 שורה 17 חסרה הערה:

ותקח צפורה צור (שמות ד' כה) — תרגומו טינרא.

בעמ' 203 שורה 3 אחר הרודפת „זרים" חסרים סוגרים ותוכנם:

(בלומנפלד עצמו היה משתמש במליצת אבן־עזרא „שחרי במקום זה וערבי במקום אחר").

בעמ' 214 שורה 27 בסוף פרק ג' חסרה הערה:

בעזבונו צריך להמצא כתב־יד בלתי נשלם של רומן עברי שהתחיל בכתיבתו באוזיראן, המשיך ברו־מניה ולא גמר, אם משום שראהו אח"כ כבוסר או שהחליט לגנוז עם התמורה בחייו וביצירתו כשם שגנז את כל עברו העברי ולא חזר אליו.

בעמ' 299 שורה 6 (מלמטה) נשמטה השורה:

בין המומתים סאלקה ליבמן (בת הרש קנול שנהרג בידי הפטליורובצים ב„שבת שובה" הידוע) ואתה בעלה ליאו וילדם. אחיה ד"ר גדליהו קנול יצא חיים ממחנה הריכוז בגוסן (אוסטריה) וחי כיום בדיסלדורף.

תיקוני טעות

עמ'	שורה	נדפס	צ"ל
30	5	פנקסי ועד 4 ארצות	פנקס
54	28	תרופה למלחלה	למחלה
70	12	הקיבל את פניהם	הקביל
75	16	ר' אלעזר חתנו	הבעל של נכדתו (וכן בשאר המקומות)
81	34	מתפלץ לבנו	התפלץ
82	3	ספרדי־איטלקי	מארוקני
82	16	משכנכנס	משנכנס
82	36	מוחה־כף	מוחא־כף
91	25	האי טעייא	טייעא
96		רופא־מרצה (הערה)	חימאי־מרצה
108	14	שתורתו אומנתו	אומנותו
120		„תקות ציון" (מתחת לתמונה)	המיסד לייזר טננבלאט
156		אם אם קמחי (בסוף ההערה)	אם אין קמחי ...
160		Pestore (שורה אחרונה)	restore
169	8	נטוש	ניטש
182	4	שבספרותו	שבספריתו
202	10	עבידי לגלויי	עבידא לאגלוייה
205	26	ראובן אשר ברוידיס	ברוידס (וכן במקומות אחרים)
279	30	או רמניה	אז רומניה
280		שנתים ומחצה (בכותרת)	כשנתיים
295	27	באחד השיירות	באחת
297		דר. חסן (שורה אחרונה)	דר. חס
298		שם המקום בכותרת נשמט	באינטליגנציה היהודית בצ׳ורטקוב
299	35	בסוף נובמבר	ב־4 לדצמבר
305	11	הרב הרצוג ז"ל	הרב הרץ ז"ל
316	25	שהיצב	שהוצב
317	9	דירקטור סורצקי	סוכצקי
323	1	וישחטו אותם	אותנו
341	34	המחנות הקלים	הקשים
342	39	לוינה	לוילנה
342	15	מונדיזון	מונדזיו
349	38	נמשטה	נשמטה
356	13	שמסרו	שנמסרו
357	34	מילאניצה	מילניצה
399		יהודה שרנר (מתחת לתמונה)	יהודה שכנר
424	5	באמערקונג	באלד אויף גלייך

תיקונים ברשימת הקדושים

עמ'	מס'	נדפס	צ"ל
365	2	משפחת זיידל פריד	ועוד בת
374	129	רחל גולדרייך	רחל גולד(רייך מלנוביץ)
375	135	משפחת חיה רוט:	חתנה הרמן ליפמן לא נספה; חי כנראה ברוסיה.
375	187	משפחת עוזר שעכטר	אשתו רחל ובניהם: מרדכי (מאטל) שכטר, אשתו לאה ובנם ישר־אל; הרב שמואל שכ־טר, אשתו פערל ובתם אסתר; פערל (בת ער־זר) ובעלה יוסף.
378	188	אשר בלויטאל (שוחט) ואשתו גיטל	הבנות פייגע, שבע וה־בנים ראובן, מרדכי, שמואל.
378	192	מלכה נימאן ובנה	ובתו פרומה פעם אחת (ולא פעמיים)

Tenenblatt
* PXW
(Ozeryany)
1959